בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוָון פון חיזוק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דורךְ ראש יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת וָאֵרָא

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
718-384-1652

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
845-243-0563

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Blominggrove
24 Merriewold Ln S
845-379-1161

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
347-733-7551

**Visit Our Web Site:**
**www.BreslevCenter.com**

**צו הערן די הערליכע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט**

**קול ברסלב**
212-444-9191

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
212-444-9169

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

**חיזוק צום טיר!**

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות,
ניגונים סידי'ס, USB'ס, און נאך;
דעליווערט צו אייער טיר! רופט אריין: 347-509-4908

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאְרוָואס וֶוען מְ'וִויל זַיין וואוֹיל קוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועְרִיקַייטְן?..........א

וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?..............................ד

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים.......ו

זָאל אִיךְ פָאְרן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה?......................ט

דֶער גַבַּאי פוּן שׁוּל הָאט מִיר זֵייעֶר פַאְרשֶׁעמְט, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אַהִין?..............................................................יא

זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט שַׁדְכָנוּת?...........................יג

וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן?.........................................יח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דִי נִסָיוֹן פוּן אָרֶעמְקֵייט אִיז נָאר אַ פְּרוּאוו צוּ וֶועמֶען דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן. ..............................................................א

לֶערְן אוֹיס פַאר דִי קִינְדֶער אַז מְ'קֶען נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן....ב

אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז דָא אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע תְּשׁוּבוֹת פַאר יֶעדֶע זַאךְ. ..............................................................ג

אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִיחַ דַעַת פוּן שְׁטֶעטְל. ...............................ד

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוּן דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אִיז תְּפִלָּה....................ד

נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים...........................ה

נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ. ..........................................................ו

קוּק מִיט רֶעסְפֶּעקְט אוּן שֶׁעצוּנְג אוֹיף מְפִיצִים. ......................ו

דַיין וַוייבּ דאַרְף הָאבְּן אַ מַאן..................ז

בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר נָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים...............ח

פוּן אַ בְּרֶעקֶעלֶע מִיט אַ בְּרֶעקֶעלֶע וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי...........ט

מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.......ט

מְ'רוֹדְפְ'ט אוּן מְ'רַצְחְ'ט אַ בָּחוּר בְּלוֹיז וַוייל עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד..................יב

מְ'שְׁלָאגְט אַ בָּחוּר מַכּוֹת אַכְזָרִיּוּת פַאר'ן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה...........יג

בֶּעטְס אִיבֶּער אֵייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט...........יד

עֶלְטֶערְן זָאלְן הַרְגְ'נֶען אַן אֵייגְן קִינְד בְּלוֹיז צוּלִיבּ לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים?!.................. טו

מְחַזֵק זַיין דֶעם מַאן.................. טז

הָאבְּן קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט.................. טז

בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם. ...........יח

נֶעם נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין דִי בְּחִירוֹת..................יט

הֶעלְף דַיין וַוייבּ זִי זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיעוּר.................. כ

אוֹיבּ ווִילְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ וַוויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.......כא

ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְלוּת פַאר פַּרְנָסָה?..................כב

נֶעם שֵׁיין אוֹיף דִי גַבָּאִים..................כב

אַז דַיין וַוייבּ וֶועט הֶערְן חִזוּק וֶועסְטוּ מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפוּן...........כג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**פַארְוָואס וֶוען מְ'ווִיל זַיין וואוֹיל קוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק, בְּרִיוו אוּן דְרָשׁוֹת; דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן אוּן אַרוֹיסְכַאפְּן יֶעדְן טָאג תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, פַּרְנָסָה אוּן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ, רֶעדְן שֵׁיין צוּ דִי קִינְדֶער אוּן נָאךְ פִילֶע גוּטֶע זַאכְן.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן פ"ז) וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהוֹיבְּן גֵיין אוֹיפְ'ן גוּטְן אוּן עֶרְלִיכְן וֶועג, דַוְקָא דֶעמָאלְט וֶוערְט נִתְעוֹרֵר אוֹיף אִים דִינִים. ווִיל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר צוּ זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא, ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אוּן ווִי אַזוֹי מְ'קֶען לֶעבְּן מִיט דֶעם.

אִיךְ אַרְבֶּעט אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גוּט אוּן וואוֹיל, ס'אִיז מִיר נִישְׁט גְרִינְג, ס'קָאסְט מִיר אַסַאךְ כֹּחַ אוּן אַסַאךְ מָאל וֶוער אִיךְ מַמָּשׁ אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט, אִיךְ פְּרוּבִּיר אָבֶּער דָאס בֶּעסְטֶע.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דִי תּוֹרָה** (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן פז) **מִיט אַ שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא וָואס אַלֶע הָאבְּן, "אָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ, תֵּכֶף כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר מִתְעוֹרְרִין עָלָיו דִּינִים, וְהַסְּבָרָא הוּא לְהֵפֶךְ", פַארְוָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט**

אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הוֹיבְּט אָן אִיבֶּער צוּ גֵיין אוֹיף אִים שְׁוֶועריקַייטְן, צָרוֹת און יִסוּרִים; עֶס וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פַּארְקֶערְט, אַז וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל קוּמֶען רַחֲמִים וַחֲסָדִים!

זָאגְט דֶער רֶבִּי: "כִּי יֵשׁ שְׁנֵי מִינֵי יִרְאָה, יִרְאַת הָעֹנֶשׁ וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת", עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז דָא וָואס זֵייעֶר מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז 'יִרְאַת הָעֹנֶשׁ' - עֶר הָאט מוֹרָא אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה; דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטְרָאפְט אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה. דָאס גְלֵייבְּן אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט אַ הֶפְקֵר וֶועלְט, נָאר אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט און מֶען טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה בַּאקוּמְט מֶען אַן עוֹנֶשׁ, טוּט אָפְּהִיטְן דֶעם מֶענְטְשׁ מֶען זָאל נִישְׁט זִינְדִיגְן און זִיךְ אוֹיפְפִירְן ווִי אַזוֹי דִי תּוֹרָה הֵייסְט.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, דָאךְ אִיז דָאס נִישְׁט דֶער צִיל צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען. דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר ה:) רוּפְט אָן יִרְאַת הָעֹנֶשׁ אַ שְׁוַואכֶע יִרְאָה וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, נָאר פוּנֶעם עוֹנֶשׁ וָואס מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן אִים, דָאס אִיז אַזוֹי ווִי אַ קִינְד וָואס הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן און נִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וָואס כַּאפְּט אָן דֶעם שְׁטֶעקְן.

דֶער עִיקָר צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען אִיז צוּ 'יִרְאַת הָרוֹמְמוּת' - מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה נָאר אַז מֶען הָאט קוֹדֶם יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם עוֹנֶשׁ, הֶערְשְׁט נָאכְדֶעם קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ יִרְאַת הָרוֹמְמוּת, מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "יִרְאַת הָעֹנֶשׁ נִקְרָא צֶדֶק", מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַן עוֹנֶשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'צֶדֶק', וַוייל צֶדֶק אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן מִשְׁפָּט, מֶען הָאט מוֹרָא צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס וַוייל מֶען וֶועט אִים מִשְׁפָּט'ן און מֶען וֶועט בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף. "וְיִרְאַת הָרוֹמְמוּת נִקְרָא אֱמוּנָה", ווִידֶערְאוּם מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'אֱמוּנָה', "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הוּא רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין, הוּא יָרֵא מִמֶּנּוּ וְיָדוּעַ הוּא", וַוייל וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם מְצִיאוּת

אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס און הֶערְט אַלֶעס וָואס מֶען טוּט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן וְכוּ׳, דוּרְךְ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה אַז מֶען הֵייבְּט אָן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, "כִּי אִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לֶאֱמוּנָה רַק עַל יְדֵי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ", אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מֶען זָאל לֶעבְּן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - נָאר אַז מֶען הָאט יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, "כִּי מֵחֲמַת שֶׁהוּא יָרֵא מֵהָעֹנֶשׁ מַאֲמִין שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא תַּקִּיף וּבַעַל הַיְכֹלֶת וּבַעַל הַכֹּחוֹת כֻּלָּם, וּמִזֶּה בָּא לֶאֱמוּנָה יוֹתֵר גְּדוֹלָה", אַז מֶען הָאט מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען וֶועט ווערְן גֶעשְׁטְרָאפְט, פוּן דֶעם בּוֹיט זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין פַארְוָואס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים שְׁוֶועריִקְייטְן, וַוייל: "תֵּכֶף כְּשֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדֶרֶךְ הַיָּשָׁר, צָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ יִרְאָה הַנִּקְרָא צֶדֶק", עֶרְשְׁט דַארְף מֶען אָנְהוֹיבְּן מִיט יִרְאַת הָעֹנֶשׁ, וָואס בַּיי דֶעם שְׁטֵייט (תְּהִלִּים ט, ט): "וְהוּא יִשְׁפֹּט תֵּבֵל בְּצֶדֶק", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ לוֹיט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, "לְפִיכָךְ מִתְעוֹרְרִין עָלָיו הַדִּינִים", דֶערִיבֶּער גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, "אַךְ כְּשֶׁבָּא אֶל הָאֱמֶת, הַיְנוּ אֶל הַיִּרְאָה הַנִּקְרָא אֱמוּנָה", און וִויבַּאלְד דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ און הָאט אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אָז כָּל הַדִּינִין נִמְתָּקִין בְּשָׁרְשָׁן", וֶוערְן אַלֶע דִינִים בָּטֵל פוּן אִים, וַוייל עֶר נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶוערְט פוּן 'צֶדֶק' 'אֱמוּנָה', און דֶעמָאלְט: "וְכָל טִיבוּ וְכָל נְהוֹרָא שַׁרְיָא בָּהּ", הָאט דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייט און אַלֶע גוּטְס.

דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר קוֹדֶם בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן אִים כָאטְשִׁיג דִי יִרְאַת הָעֹנֶשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'צֶדֶק', וֶועלְן מִיר נָאכְדֶעם זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה און מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶועל אִיךְ נָאךְ אַמָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ בַּיים "שַׁבָּת סִיוּם הַשַּׁ"ס", אוּן אִיךְ הָאבּ אַ גַאנְץ שַׁבָּת מַמָּשׁ גֶעוֵויינְט. אִיךְ קוּק זִיךְ אַרוּם אוּן אִיךְ זֶע ווִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה וָואס זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען נָאךְ מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס, אוּן וואוּ בִּין אִיךְ? אִיךְ לֶערְן שׁוֹין אִין יְשִׁיבָה אַפָּאר יָאר אוּן אִיךְ הַאלְט נָאךְ בַּיי גָארְנִישְׁט.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין יָארְן מַמָּשׁ בְּלוֹיז צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת. אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן גְרוֹיסֶע נַארִישְׁקֵייטְן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר אוּן זַייט דֶעמָאלְט מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר אִין אִידִישְׁקֵייט, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט דֶעמָאלְט אִין וָואס אִיךְ לָאז זִיךְ אַרַיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ דַארְפְן אַזוֹי שְׁטַארְק מוּטְשֶׁען מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת. יָא מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין אָדֶער נִישְׁט מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין, יָא גֵיין מִיט אַ מֵיידְל אָדֶער נִישְׁט גֵיין מִיט אַ מֵיידְל, וְכוּ' וְכוּ'.

טַייעֶרֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אָבֶּער אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן פַאר אַפָּאר יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ. וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן, הַלְוַאי וָואלְט אִיךְ עֶס גֶעקֶענְט צוּרִיק דְרֵייעֶן, אָבֶּער יֶעצְט וִויל אִיךְ זַיין גוּט.

אִיךְ וֵוייס אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר הֶעלְפְן, אוּן אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר טוֹישְׁן צוּם גוּטְן. אִיךְ וֵויין מִיט טַייכְן טְרֶערְן יֶעצְט בְּשָׁעַת'ן שְׁרַייבְּן דֶעם בְּרִיוו, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְטִיג, אִיךְ גֶעבּ שׁוֹין אוֹיף, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער.

אִיךְ בֶּעט זֵייעֶר דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה מִיר צוּ הֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט זַיין צֶעבְּרָאכְן צוּלִיבּ דַיין עָבָר; יֶעדֶער אִיד קֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען הָאט אַלֶץ אָפְּגֶעטוּן קֶען מֶען אֵייבִּיג צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס וָואס דוּ טְרַאכְסְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דַיין פַארְגַאנְגֶענְהֵייט - אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן וָואס הַאקְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין קָאפּ: "דוּ בִּיסְט מְמֵילָא גָארְנִישְׁט"; "דוּ הָאסְט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס"; בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוּן קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּ זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים.

דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אַרוּם מִיט אַ שׁוּלְד גֶעפִיל פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פַארְגֶעס וָואס אִיז גֶעוֶוען אוּן הוֹיבּ אָן פוּן פְרִישׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כו): "בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז שִׁכְחָה אַ מַעֲלָה", מֶענְטְשְׁן רֶעדְן זִיךְ אָפּ אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אַ גוּטֶע זִכָּרוֹן, זֵיי פַארְגֶעסְן וָואס אִיז גֶעוֶוען, מֶען מֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ חִסָרוֹן, אָבֶּער עֶס אִיז פַארְקֶערְט, דָאס אִיז נָאר אַ מַעֲלָה, וַוייל וֶוען עֶס וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעוֶוען שִׁכְחָה וָואלְט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וָואלְט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט טְרַאכְטְן פוּנֶעם פַארְגַאנְגֶענְהֵייט, פוּן אַלֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מֶען אִיז דוּרְךְ, דָאס וָואלְט גוֹרֵם גֶעוֶוען אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער יֶעצְט אַז עֶס אִיז דָא שִׁכְחָה, קֶען מֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.): "גְּדוֹלָה תְּשׁוּבָה שֶׁמַּגַּעַת עַד כִּסֵּא הַכָּבוֹד", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה קוּמְט עֶר אָן בִּיז'ן כִּסֵא הַכָּבוֹד; אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע קֶען מֶען אָנְקוּמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית, פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלַאץ - בִּיז'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס, דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען זָאגְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים; אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ הוֹיבּ אָן פוּנְדָאסְנֵיי"; מֶען נֶעמְט אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע עוֹנְשִׁים אוּן אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן אוֹיסְגֶעמֶעקְט.

קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ וֶוען דוּ זֶעסְט אִין יְשִׁיבָה בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען נָאךְ דִיר אוּן זֵיי הָאבְּן אִין אַ קוּרְצֶע צַייט גֶעעֶנְדִיגְט שַׁ"ס וְכוּ', וְכוּ'; מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן פוּן אַנְדֶערֶע. עֶס אִיז וִויכְטִיג דוּ זָאלְסְט נָאכְקוּקְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח ט, אוֹת כב): פּוּנְקְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין הִתְפַּעֲלוּת פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן אִים וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעפַּאלְן, אַזוֹי אוֹיךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - זָאגְט רֶבִּי נָתָן - דַארְף אַ

מֶענְטְשׁ זַיין בַּיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיינֶע עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, וֶוען עֶר זֶעט ווִי זֵיי שְׁטֵייגְן אוּן זֶענֶען מַצְלִיחַ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וֶוען מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען זֶעט ווִי אַזוֹי מֶען זֶעט אוֹיס וְכוּ׳.

דֶער עִיקָר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס אוּן אַרוֹיס כאפְּן גוּטֶע זַאכְן צוּ מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מַצְלִיחַ זַיין אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַז מֶען קוּקְט נָאר אוֹיף זִיךְ. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי אַבְרָהָם אָבִינוּ (יְחֶזְקֵאל לג, כד): "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר וַוייל עֶר הָאט אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעקוּקְט (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הַשְׁמָטָה).

זַיי נִישְׁט מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה; אֲפִילוּ אוֹיף גוּטֶע זַאכְן טָאר מֶען נִישְׁט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן וֶועלְן יֶענֶעם נָאכְמַאכְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כא.): "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה חָכְמָה", אִיז נִישְׁט פְּשַׁט אַז מֶען זָאגְט דֶעם מֶענְטְשׁ: ׳דוּ דַארְפְּסְט מְקַנֵּא זַיין אַ צְוֵוייטְן אוּן אִים נָאכְמַאכְן׳, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן נִישְׁט "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה ׳סוֹפְרִים׳", נָאר "קִנְאַת סוֹפְרִים תַּרְבֶּה ׳חָכְמָה׳", דִי נְקוּדָה אִיז נִישְׁט יֶענֶעם נָאכְצוּמַאכְן, נָאר וֶוען אִיךְ זֶע ווִי יֶענֶער אִיז זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ, תַּרְבֶּה ׳חָכְמָה׳, דַארְף אִיךְ טְרַאכְטְן צוּ מִיר: ׳וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין מַיין זַאךְ?׳

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען חִיזוּק פוּן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, דוּ וֶועסְט לֶעבְּן מִיט דִי וֶוערְטֶער וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תָּם פְלֶעגְט זָאגְן וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט צוּ אִים פוּן אַנְדֶערֶע (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט׳ מֵחָכָם וְתָּם): **"וָואס הָאט דָאס צוּ טוּן מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ׳ס מַעֲשֶׂה אוּן דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה; אוּן וַוייטֶער פַארְוָואס דַארְפְן מִיר שְׁמוּעֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, לָאמִיר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל אִיךְ הָאבּ פַארְדִינְט".**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים.**

## שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאנְק דֶעם אײבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גְמָרָא מַסֶכֶת עֲרָכִין, אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דֶעם סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַז מְ'קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה, מַיינֶע עֶלְטֶערְן קוּקְן שׁוֹין אַרוֹיס צוּ מַיין סִיוּם הַשַ"ס אי"ה.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן עֶנְטְפֶערְן מַיין בְּרִיוו [זֶע דֶעם בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וֶועגְן עֶסְן פַאר'ן דַאוֶונֶען. אִיךְ עֶס שׁוֹין נִישְׁט בָּרוּךְ ה' פַאר'ן דַאוֶונֶען, אָבֶּער נֶעכְטְן פַאר'ן דַאוֶונֶען בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג אוּן כְ'הָאבּ יָא גֶעגֶעסְן, שְׁפֶּעטֶער אִינְמִיטְן טָאג הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ נַייעֶ צִיצִית אוּן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע מִינוּט נָאכְ'ן עֶס אָנְטוּן הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דֶערוֹיף אַ גַאנְצֶע גְלֶעזְל סָאדֶע. נָאכְ'ן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס קוּמְט וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן פַאר'ן דַאוֶונֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת (בְּגָדִים ה') "מִי שֶׁאוֹכֵל קוֹדֶם הַתְּפִלָּה, נֶעֱנָשׁ בִּבְגָדִים", הָאבּ אִיךְ זִיךְ פְרִישׁ פָארְגֶענוּמֶען מֶער נִישְׁט צוּ עֶסְן פַאר'ן דַאוֶונֶען.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ נָאר אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וָואס הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַזַא יוּנְגֶער בָּחוּר וִוי מִיר אַז קַיין שׁוּם זַאךְ גֶעשֶׁעט נִישְׁט פֶּערְצוּפַאל, נָאר אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, מְ'דַארְף נָאר מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אוּן דַאן שְׁווִימְט אַלֶעס אַרוֹיף.

אַ בַּאזוּנְדֶערֶע יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי וֶועכְטְנְלִיכֶע קוּנְטְרֵס "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אִיךְ לֵיין עֶס דוּרְךְ יֶעדֶע וָואךְ פוּן דֶעקְל צוּ דֶעקְל, סְ'אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶּה נְפָשׁוֹת.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.**

**ווָאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיט הַתְמָדָה בַּתּוֹרָה; נָאךְ אַבִּיסְל בִּיסְטוּ זוֹכֶה צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ שַׁ"ס.**

**חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן** (שַׁבָּת קנד.)**: "יַנְקוּתָא כְּלִילָא דְוַרְדָא", דִי שֶׁענְסְטֶע זְמַן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זֶענֶען דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט** (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג)**: "הָעֲבֹדוֹת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", יֶעדְן טָאג עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז חָשׁוּבֶ'ער פוּן עֶטְלִיכֶע יָאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.**

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא אוּן מֶדְרָשׁ; זֶע אוֹיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תִּיקוּנִים, וָואס דָאס אִיז מְזַכֵּךְ וּמְטַהֵר דֶעם נֶפֶשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה אוּן זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

אַלֶע בְּרִיוו פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אִיז גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִיר; דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ 'לֵיינֶען', דָאס אִיז אַ לִימוּד, עֶס אִיז גֶעמַאכְט צוּ 'לֶערְנֶען'. לֶערְן דָאס דוּרְךְ אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וֶועסְטוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דוּ וֶועסְט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין אַלֶע שְׁוֶועֶרע צַייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

**דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז וֶוען מְ'פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ח מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן מִיטְ'ן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; אִיךְ הָאבּ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּ זֶען דֶעם חֶשְׁבּוֹן וויפִיל דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען דֶעם יָאר, אַזוֹיפִיל פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא, וְכוּ', וְכוּ'.

אִיךְ שִׁיק דִיר צוּרִיק דֶעם בְּרִיוו וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט דָאס וַוייזְן פַאר דַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע; זָאלְן זֵיי זֶען נַחַת פוּן דִיר. וַוייז זֵיי דֶעם בְּרִיוו, דֶעם חֶשְׁבּוֹן וָואס דוּ הָאסְט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, וויפִיל תּוֹרָה דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט דֶעם יָאר - וֶועסְטוּ זֵיי מְחַיֶּ' זַיין.

דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אַז עֶלְטֶערְן זֶעעֶן ווִי זֵייעֶר קִינְד לֶערְנְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט גוּטֶע מִידוֹת, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא פו.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (דְבָרִים ו, ה): "וְאָהַבְתָּ אֵת ה' אֱלֹהֶיךָ" - "שֶׁיְּהֵא שֵׁם שָׁמַיִם מִתְאַהֵב עַל יָדְךָ", אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען אַז דוּרְךְ אִים זָאלְן מֶענְטְשְׁן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן עֶר אִיז מְשַׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אוֹיבּ פִירְט עֶר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אַשְׁרֵי אָבִיו, אַשְׁרֵי רַבּוֹ, שֶׁלִּמְּדוֹ

תּוֹרָה", וואוּיל זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן און וואוּיל אִיז פַאר זַיינֶע רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה. ווִידֶער פַארְקֶערְט, וֶוען מֶען זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט נִישְׁט, זָאגְט מֶען: "אוֹי לָהֶם לַבְּרִיּוֹת שֶׁלֹּא לָמְדוּ תּוֹרָה", וֵויי אִיז פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט קַיין תּוֹרָה; קוּק ווִי שַׁיין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה פִּירְט זִיךְ אוֹיף, אוֹיף אִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מט, ג): "וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אָתָּה, יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאָר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "אִיךְ בַּארִים זִיךְ מִיט דִיר". אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וָואס זָאגְן מֶענְטְשְׁן? "אוֹי לוֹ לִפְלוֹנִי שֶׁלָּמַד תּוֹרָה, אוֹי לוֹ לְאָבִיו וּלְרַבּוֹ שֶׁלִּמְּדוּ תּוֹרָה", וֵויי פַאר אִים און וֵויי פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן און רֶבִּי'ס וָואס הָאבְּן אִים גֶעלֶערְנְט וְכוּ'; עַיֵּין שָׁם.

בְּנוֹגֵעַ עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען וְכוּ', דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מַחֲמַת דַיין רְגִילוּת צוּ עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען; דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז דוּ זָאלְסְט דַאוֶוענֶען גְלַייךְ וֶוען דוּ שְׁטֵייסְט אוֹיף. גֵיי אִין מִקְוֶה, זוּךְ אַ מִנְיָן און שְׁטֶעל זִיךְ דַאוֶוענֶען, וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט עֶסְן פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז אַ בְּפֵירוּשׁ'עֶ הֲלָכָה (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן פט, סְעִיף ג).

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה און אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.]

...

## זָאל אִיךְ פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ צְדָקָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוֹין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דִי שִׁיעוּרִים און חִיזוּק פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ שְׁפִּיר אַז נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, און דֶערְפַאר ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן מַיין שְׁאֵלָה.

אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, און ס'זֶענֶען דָא פִילֶע אִידְן פוּן דָאהִי וָואס פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִיז דָאס אַ גוּטֶע זַאךְ צוּ טוּן? זָאל אִיךְ עֶס אוֹיךְ טוּן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שָׁאד צוּ קוּמֶען קַיין חוּץ לָאָרֶץ; מֵיין נִישְׁט אַז אִין חוּץ לָאָרֶץ וֶועסְטוּ הָאבְּן דַיין יְשׁוּעָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּנְחוּמָא תַזְרִיעַ, ו): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד שֶׁהָיָה רוֹאֶה אֶת הַנְּגָעִים", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ כֹּהֵן וָואס פְלֶעגְט קוּקְן נְגָעִים, "מָטָה יָדוֹ, בִּקֵּשׁ לָצֵאת לְחוּצָה לָאָרֶץ", מִיט דִי צַייט אִיז עֶר גֶעוָוארְן אָרֶעם אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט, "קָרָא לְאִשְׁתּוֹ אָמַר לָהּ: בִּשְׁבִיל שֶׁבְּנֵי אָדָם רְגִילִין לָבֹא אֶצְלִי לִרְאוֹת אֶת הַנְּגָעִים, קָשֶׁה עָלַי לָצֵאת מֵעֲלֵיהֶם", הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ אוּן אִיר גֶעזָאגְט: עֶס אִיז מִיר שְׁוֶוער אַוֶועק צוּ גֵיין קַיין חוּץ לָאָרֶץ וַוייל מֶענְטְשְׁן קוּמֶען דָא כְּסֵדֶר וַוייזְן זֵייעֶרֶע נְגָעִים, "אֶלָּא בּוֹאִי וַאֲנִי מְלַמְּדֵךְ שֶׁתְּהֵא רוֹאָה אֶת הַנְּגָעִים", אִיךְ וֶועל דִיר אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי מֶען קוּקְט אוֹיף אַ נֶגַע, אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען קוּקְן נְגָעִים אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ מַאכְן גֶעלְט, "אִם רָאִית שְׂעָרוֹ שֶׁל אָדָם שֶׁיָּבֵשׁ הַמַּעְיָן שֶׁלּוֹ, תְּהֵא יוֹדַעַת שֶׁלָּקָה", עֶר הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט אַז אוֹיבּ זִי זֶעט וִוי דִי קְוָואל פוּנֶעם הָאר אִיז פַארְטְרִיקְנְט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז גֶעשְׁלָאגְן, "לְפִי שֶׁכָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר, בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ", וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדֶע הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוָואל פוּן וואוּ דֶער הָאר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה צוּ לֶעבְּן, "יָבֵשׁ הַמַּעְיָן, יָבֵשׁ הַשֵּׂעָר", אָבֶּער אַז דֶער קְוָואל אִיז טוֹיט אִיז אַ סִימָן אַז דֶער הָאר אִיז טוֹיט, "אָמְרָה לוֹ אִשְׁתּוֹ, וּמָה אִם כָּל שֵׂעָר וְשֵׂעָר, בָּרָא לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַעְיָן בִּפְנֵי עַצְמוֹ שֶׁיְּהֵא שׁוֹתֶה מִמֶּנּוּ. אַתָּה שֶׁאַתָּה בֶּן אָדָם, כַּמָּה שְׂעָרוֹת יֵשׁ בְּךָ, וּבָנֶיךָ מִתְפַּרְנְסִין עַל יָדְךָ, לֹא כָּל שֶׁכֵּן שֶׁיְּזַמֵּן לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא פַּרְנָסָה", הָאט אִים זַיין וַוייבּ גֶעזָאגְט: מַה דָאךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן פַאר יֶעדֶע הָאר בַּאזוּנְדֶער אַ קְוָואל פוּן וואוּ דֶער הָאר זָאל הָאבְּן צוּ לֶעבְּן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ וָואס דוּ הָאסְט טוֹיזְנְטֶער הָאר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וָואס נֶעמֶען פַּרְנָסָה פוּן דִיר וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן פַּרְנָסָה, "לְפִיכָךְ לֹא הֱנִיחָה אוֹתוֹ לָצֵאת חוּצָה לָאָרֶץ", זִי הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט פָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ.

אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רנג) אַז מֶען קֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט פַאר זִיךְ אַלֵיינְס; פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פַאר דִי וַוייבּ

דַארְף מֶען נִישְׁט זָאגְן פּוּנְקְטְלִיךְ אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט פַּאר זִיךְ, מֶען זָאגְט פַּאר אַלֶעמֶען: "אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט פַּאר אַ חַבֵר וָואס הָאט נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב", וְדַ"ל.

דִי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶע אִידְן מֵיינֶען אַז אִין אַמֶערִיקֶע וַואלְגֶערְט זִיךְ גָאלְד אוֹיף דִי גַאסְן, מֶען קוּקְט אוֹיף אַן אַמֶערִיקַאנֶער אִיד מִיט קִנְאָה וְכוּ'; וְויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָא מוּטְשֶׁעט מֶען זִיךְ אוֹיךְ, דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ קוּמֶען קַיין אַמֶערִיקֶע אוּן לָאזְן דִי וַוייבּ אַלֵיינְס.

מֶען לֵיינְט אִין דִי מַעֲשֶׂה בִּיכְלֶעךְ וְוי דִי פָּרִיצִים פְּלֶעגְן הֵייסְן זֵייעֶר מָאשְׁקֶע טַאנְצְן בִּשְׁעַת זֵיי פְּלֶעגְן מַאכְן זֵייעֶרֶע סְעוּדוֹת, אַזוֹי טוּעֶן דִי אַמֶערִיקַאנֶע גְבִירִים מִיט דִי מְשׁוּלָחִים, מֶען וְויל זִיךְ אַהֶערְשְׁטֶעלְן פַּאר דִי וַוייבּ אוּן פַּארְ'ן אֵיידֶעם וְוי אַ שֵׁיינֶער אִיד אַז מֶען הָאט גֶעסְט בַּיי דִי סְעוּדָה, הֵייסְט מֶען זֵיי קוּמֶען צוּ אַ סְעוּדָה, בִּשְׁעַת דִי סְעוּדָה פְרֶעגְט מֶען זֵיי אוֹיס אַלֶע סָארְט פָּאלִיטִיק וְכוּ' אוּן מוֹצָאֵי שַׁבָּת בַּאקוּמְט דֶער מְשׁוּלָח אַ גַאנְצֶע צְוָואנְצִיגֶער... דִי מְשׁוּלָחִים זֶענֶען אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַרוּמְלוֹיפְן נָאךְ גֶעלְט, יֶעצְט דַארְף עֶר זִיצְן כַּמָה שָׁעוֹת בַּיי דֶעם פָּרִיץ אוּן מָארְגְן בַּיי יֶענֶעם פָּרִיץ צוּ בַּאקוּמֶען אַ צְוָואנְצִיגֶער?! מֶען בֶּעט אַן הַמְלָצָה; אוֹיבּ הָאסְטוּ פוּן בַּדַ"ץ אִיז גוּט, דֶעמָאלְט בַּאקוּמְסְטוּ אַ 'גַאנְצֶע דָאלֶער'... אוֹיבּ הָאסְטוּ נִישְׁט פוּן בַּדַ"ץ וְכוּ' פַארְשִׁיקְט מֶען דִיר מִיט בִּזְיוֹנוֹת, אוּן מִיט אַן הַמְלָצָה פוּן בַּדַ"ץ הָאסְטוּ בִּיזֵי בִּזְיוֹנוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער גַבַּאי פוּן שׁוּל הָאט מִיר זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, זָאל אִיךְ צוּרִיקְגֵיין אַהִין?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ דַאוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין מַיין גֶעגְנְט, אוּן דִי וָואךְ הָאט אֵיינֶער עֶפֶּעס שָׁאדְן גֶעמַאכְט פַּאר דִי שׁוּל, אוּן דֶער שַׁמָשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעטוּן, אוּן לִכְבוֹד דֶעם הָאט עֶר מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט אִין פָּארְנְט פוּן יֶעדְן מִיט מוֹרָא'דִיגֶע בִּזְיוֹנוֹת, אָן אֲפִילוּ מְבַרֵר זַיין צִי ס'אִיז אֱמֶת. אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ

געדאַווענט מנְחָה מַעֲרִיב אינדערהיים, איךְ האָב זיך פָּשׁוּט געשעמט צו גיין אין שוּל. און איךְ טְרַאכְט נישט אזוי שנעל צוריקצוגיין אַהין ווי לאַנג ער קומט מיר נישט איבערבעטן. וואס זאָל איךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

איךְ האָב ערהאַלטן דיין בְּרִיוו.

גיי צוריק דאַווענען אין שוּל און מאַך נישט קיין עֵסֶק פון דעם וואס דער גַּבַּאי האט דיר פאַרשעמט.

דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו): "וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק", אז מען ווערט פאַרשעמט און מען שווייגט אָפּ, דאס איז דער עִיקָר ווי אזוי מען טוט תְּשׁוּבָה; מוֹהֲרַנַ"ת האט דערציילט אז אַמאָל איז דער טשערינער רַב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה געגאַנגען מיט איינעם פון אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צום הייליגן רֶבִּינְ'ס צִיּוּן, אויפ'ן וועג איז צוגעקומען אַ מִתְנַגֵּד און געוואָרפן אויפ'ן טשערינער רֶבִּי אַ שטיק צוֹאָה, דער טשערינער רַב איז געגאַנגען מיט אַ שיינע זיידענע בעקיטשע און די בעקיטשע איז אים פאַרשמירט געוואָרן, ער האט זיך אָבער נישט וואוּנדיג געמאַכט פון דעם נאָר ער איז ווייטער געגאַנגען, אָבער דער אַנדערער וואס איז מיטגעגאַנגען מיט אים האט זיך אויסגעדרייט צו דעם מִתְנַגֵּד און אָנגעפאַנגען שרייען: "שֵׁגֶץ!" וְכוּ' און דער מִתְנַגֵּד האט צוריק געשריגן וְכוּ', האט דער טשערינער רַב אים אָנגעכאַפּט און געזאָגט: "שְׁווייג, דאס איז דאָךְ אונזער זאַךְ", און ער האט צוגעלייגט: "אויב אַ מענטש שווייגט אָפּ אויף בִּזְיוֹנוֹת איז ער זוֹכֶה צו גאָר שיינע זאַכן אויף די וועלט".

בְּלייב דאַווענען אינעם שוּל וואו דו דאַוונסט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (בְּרָכוֹת ו:): "כָּל הַקּוֹבֵעַ מָקוֹם לִתְפִלָּתוֹ, אֱלֹקֵי אַבְרָהָם בְּעֶזְרוֹ", ווער עס איז זיך קוֹבֵעַ אַ פּלאַץ וואו צו דאַווענען בִּקְבִיעוּת, וועט דער איבערשטער וואס האט געהאָלפן אַבְרָהָם אָבִינוּ אים אויך העלפן, "וּכְשֶׁמֵּת, אוֹמְרִים לוֹ, אִי עָנָיו, אִי חָסִיד, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", און ווען דער מענטש שטאַרבט זאָגט מען אויף אים בַּיים הֶסְפֵּד: ווַיי פאַר דעם עָנָיו וואס איז נִפְטָר געוואָרן, ווַיי פאַר דעם חָסִיד וואס איז

נִפְטָר גֶעוָוארְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ; זֶעט מֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶער וָואס בְּלַייבְּט דַאוְוענֶען אִינֶעם זֶעלְבְּן שׁוּל, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, עֶר קוּקְט נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, עֶר קוּמְט אִין שׁוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ "עָנָיו" אוּן אַ "חָסִיד", אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז "מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עָנָיו וָואלְט עֶר שׁוֹין לַאנְג אַוֶועק גֶעלָאפְן פוּן דָארְט, נָאכְדֶעם וָואלְט עֶר אַוֶועקְגֶעלָאפְן פוּן דֶעם אַנְדֶערְן שׁוּל אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַ עָנָיו, עֶר וֵוייסְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט; אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם דָא אִין שׁוּל, אִיךְ קוּם נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט שַׁדְכָנוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ שַׁדְכָן [זֶע דֶעם בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אַ זַאךְ וָואס שְׁטֶערְט מִיךְ שׁוֹין זֵייעֶר לַאנְג.

אִיךְ בִּין אַ שַׁדְכָן שׁוֹין פַאר יָארְן לַאנְג, אֵיינְס פוּן דִי שִׁידוּכִים וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגֶעפִירְט הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוֹיסְגֶעלָאזְט, מְ'הָאט זִיךְ צֶעקְרִיגְט אוּן אַפָּאר קִינְדֶער זֶענֶען נֶעבֶּעךְ חָרוּב גֶעוָוארְן ל"ע, אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע שׁוּלְד גֶעפִיל דֶערְפוּן אַז אֶפְשָׁר הָאבּ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג גוּט נָאכְגֶעפְרֶעגְט פַארְ'ן שִׁידוּךְ, אוּן אַז סְ'אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דוּרְךְ מִיר אַזַא זַאךְ. וֶוען אִיךְ טְרֶעף אֵיינֶעם פוּן דִי מְחוּתָּנִים דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַוֶועק אוּן סְ'קָאסְט מִיר מַמָּשׁ דָאס גֶעזוּנְט, אוּן דָאס מַאכְט מִיר זִיךְ צוּרִיק צוּ הַאלְטְן אַסַאךְ מָאל פוּן אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ.

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג דָאס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים, כְּמוֹתְךָ יִרְבּוּ יִשְׂרָאֵל; ווייל עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווִי מַאכְן שִׁידוּכִים. בִּפְרָט מִיר תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ דַארְפְן עוֹסֵק זַיין אִין דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְן גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי מוֹהֲרַא״שׁ וָואס הָאט מַפְקִיר גֶעוֶועְן זַיין גַאנְץ לֶעבְן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי צוּ חֲתוּנָה מַאכְן. אַזוֹי ווִי מוֹהֲרַא״שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָואָה (אוֹת יז): ״בָּרוּךְ ה׳ אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶועְן פוּן עֲבֵירוֹת.

אוּן אִיךְ בִּין מְגַלֶה דַעַת אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס וֶועט קוּמֶען צוּ מַיין קֶבֶר אוּן אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים אוֹיף אֵיין מָאל אָן אַ הֶפְסֵק, וֶועל אִיךְ זַיין פַאר זֵיי אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן זֵיי וֶועלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר רִיכְטִיגֶע בַּאשֶׁערְטֶע שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אוּן אִיךְ בִּין זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דֶעם צוּזָאג.

מִיט דֶעם עֶנְדִיג אִיךְ מַיין צַוָואָה פַאר מַיינֶע טֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים אוּן אִיר קֶענְט דָאס פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז עֶס זָאל שׁוֹין זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא, דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל גֶעהֵיילִיגְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, סַיי בַּיי מַיין לֶעבְן אוּן סַיי נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אָמֵן וְאָמֵן״.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט נִישְׁט לִיבּ עֶס זָאל וֶוערְן שִׁידוּכִים, אִים אִיז בֶּעסֶער ווִי ווֵיינִיגֶער שִׁידוּכִים עֶס וֶוערְט; עֶר ווֵייסְט אַז וֶוען אַ בָּחוּר אוּן אַ מֵיידְל הָאבְן חֲתוּנָה הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיף זֵיי, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): ״כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אָדָם אִשָּׁה - עֲוֹנוֹתָיו מִתְפַּקְקִין״, וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען עֶרְלִיךְ, מֶען לָאזְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת; דֶערִיבֶּער מַאכְט עֶר פְּעוּלוֹת אָפְּצוּהַאלְטְן שִׁידוּכִים.

דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס עֶס אִיז לֶעצְטְנְס גֶעוָוארְן אַ נַייעֶ גְזֵירָה בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ אַז מֶען דַארְף בְּלַייבְּן אִין סְקוּל פַאר צְוֶועלְפְטֶע קְלַאס; מֶען רֶעדְט אֵיין דִי עֶלְטֶערְן אַז מֶען דַארְף בְּלַייבְּן נָאךְ אַ יָאר אִין סְקוּל וַוייל מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי מֵיידְלֶעךְ זֵייעֶר וִויכְטִיגֶע לִימוּדִים, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם שָׂטָן אָפְּצוּהַאלְטְן שִׁידוּכִים פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַז דִי מֵיידְלֶעךְ זָאלְן זִיךְ מֶער אַרַיין טוּן מִיט חַבְרְ׳טֶעס אוּן נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן דִי תּוֹרָה לֶעבְּן, עַד כְּדֵי כַּךְ אַז עֶס אִיז דָא שׁוּלֶעס וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען אִין סְקוּל אוֹיבּ מֶען וֶוערְט אַ כַּלָּה.

אַזוֹי אוֹיךְ מַאכְט מֶען הַיינְט מִיט בָּחוּרִים; מֶען רֶעדְט אֵיין עֶלְטֶערְן מֶען זָאל נִישְׁט אַ שִׁידוּךְ טוּן אִינְמִיטְן זְמַן וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט שְׁטֵייגְן, מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן דִי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען זוֹכֶה חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן יוּנג; מִיט דֶעם גֵייט מֶען אַנְטְקֶעגְן דִי תּוֹרָה, אַנְטְקֶעגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן גֶעהֵייסְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער אוּן וָואס פְּרִיעֶר - נִיצוֹל צוּ וֶוערְן פוּן עֲבֵירוֹת. דָאס אַלֶעס אִיז מַעֲשֵׂה שָׂטָן צוּרִיק צוּ הַאלְטְן שִׁידוּכִים אַז דִי טֵייעֶרֶע חָשׁוּבֶ׳ע בָּחוּרִים זָאלְן נִכְשָׁל וֶוערְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט חֲלִישׁוּת הַדַעַת - דָאס אִיז אוֹיךְ זַיין אַרְבֶּעט, עֶר וִויל אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עוֹסֵק זַיין וַוייטֶער אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה; פְרֶעג אִיךְ דִיר: "פַארְוָואס זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף דִי אֵיינְצֶעלְנֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶע׳גֶט?" קוּק אוֹיף דִי אַלֶע אַנְדֶערֶע וָואס הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן לֶעבְּן שֵׁיין! אַז דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ בִּיז אַהֶער זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ, "לֵךְ בְּכֹחֲךָ זֶה וְהוֹשַׁעְתָּ אֶת יִשְׂרָאֵל (שׁוֹפְטִים ו, יד)", גֵיי אָן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי זְכוּת אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער שָׁלִיחַ צוּ מַאכְן צֶענְדְלִיגֶער שִׁידוּכִים, בַּיי מִיר אִיז אוֹיךְ דָא אֵיינְצֶעלְנֶע וָואס הָאבְּן זִיךְ לֹא עָלֵינוּ גֶע׳גֶט, מִיט דֶעם אַלֶעם בֶּעט אִיךְ וַוייטֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דִי זְכוּת צוּ זַיין אַ גוּטֶער שָׁלִיחַ פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, זֵיי הֶעלְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

## זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן צְוֵויי שִׁידוּכִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן, אָבֶּער בַּיי אֵיין שִׁידוּךְ הָאבְּן בֵּיידֶע צְדָדִים בִּכְלַל נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן בַּיים צְווייטְן שִׁידוּךְ הָאט נָאר אֵיין זַייט גֶעצָאלְט פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אוּן גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן וֶועט עֶר גֶעבְּן מֶער.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר בֵּיידֶע שִׁידוּכִים אוּן אִיךְ וֵויס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוּיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "פַאַרְוָואס הָאט דָאס דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט? וַוייל דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן; מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַאכְן שִׁידוּכִים; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (אוֹת יז): "בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת"; מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ טוּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מַאכְן שִׁידוּכִים.

אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן שִׁידוּכִים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְזִין

הָאבְּן גֶעלְט - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט וְכוּ׳ וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן. מוֹהַרָא״שׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו בַּיים עֶפֶענֶען דִי מֵיידְל סְקוּל ״בֵּית פֵיגָא״, אַז עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים, וֶוען מֶען טוּט אַ זַאךְ מִיטְ׳ן כַּוָונָה פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט הָאט דָאס נִישְׁט קַיין קִיוּם, דָא הָאסְטוּ דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ, מִכְתָּב שסח):

״עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זי״ע, בַּעַל ״דִּבְרֵי יוֹאֵל״, הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע ״בֵּית רָחֵל״ מִיט צְוַויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּאוַואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֱמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ׳, יֵשׁוּת וְכוּ׳, פִּרְסוּם וְכוּ׳, אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק אוּן סְ׳וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד וִויל נִישְׁט אַריינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעף, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.

אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ׳ וֶוערְט לֶעכֶער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ׳, אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ׳, אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְּלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְפְּלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָונָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו׳, ט׳) ״אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ״ נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ׳ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.]

...

## וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אַוֶועק פַאר מִיר. זַייט אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ מַיין לֶעבְּן גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן מַמָּשׁ מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

אִין זְכוּת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאבּ אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵּים צוּ זַיין גַאנְץ שַׁ"ס, 101 מָאל מַסֶּכֶת תַּעֲנִית, 43 מָאל מַסֶּכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה, 18 מָאל מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, 21 מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, גַאנְץ נַ"ךְ, תּוֹסֶפְתָּא, יְרוּשַׁלְמִי בִּיז מַסֶּכֶת עֵירוּבִין, 6 מָאל סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אַ חֵלֶק פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, שִׁבְחֵי הָרַ"ן אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן.

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ סֵפֶר בְּרֵאשִׁית אוֹיךְ מִיט דִי רַשִׁ"יס, אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ ה' יֶעדְן טָאג בֵּית נִצְחִי אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ. ס'אִיז נִישְׁטָא דִי וֶוערְטֶער זִיךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט מִיט מִיר.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט בִּין אִיךְ אָבֶּער זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אַז אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ פַאל אוּן אִיךְ פַאל, ס'אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין אַלֵיין, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. אִיךְ בִּין גְרֵייט פַאר סַיי וֶועלְכֶע שִׁידוּךְ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע מִשְׁפָּחָה, וֶועלְכֶע שְׁטָאט, וֶועלְכֶע לְבוּשׁ, אִיךְ וִויל מֶער נִישְׁט וַוארְטְן נָאךְ אֵיין טָאג.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אַזוֹי פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (הַמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); דוּ הָאסְט מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּה גֶעוֶוען מִיט דַיין בְּרִיוו וואוּ דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיינֶע סִיוּמִים.

גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב טְרֶעפְן דַיין זִיווּג; דֶערְהַאלְט זִיךְ מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ, לֶערְן וַוייטֶער דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פִּרְקֵי דְרַבִּי אֱלִיעֶזֶר, פֶּרֶק לו):

"אַלֶע שְׁבָטִים, וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט זֵיי זֵייעֶר זִיווּג, חוּץ יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אָן אַ זִיווּג"; יוֹסֵף הַצַּדִּיק וָואלְט אוֹיךְ גֶעקֶענְט זַיין צֶעבְּרָאכְן אוּן טְרַאכְטְן: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מַיין שִׁידוּךְ? אַלֶע מַיינֶע בְּרוּדֶער הָאבְּן שׁוֹין זֵייעֶר שִׁידוּךְ', יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעהַאט בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען. מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה פַאר גָארְנִישְׁט אוּן פַאר נִישְׁט, עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין אִין אַ פְרֶעמְדֶע לַאנְד וְכוּ' וְכוּ', מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אִין תְּפִיסָה אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען לוּסְטִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (דְּבָרִים רַבָּה ד, ז): אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים לא, ח): "אָגִילָה וְאֶשְׂמְחָה בְּחַסְדֶּךָ וְגוֹ' - זֶה יוֹסֵף", עַיֵּין שָׁם.

שְׁטַארְק זִיךְ וַוייטֶער בְּלִימּוּד הַתּוֹרָה; עֶס אִיז נִישְׁט דָא נָאךְ אַ זַאךְ וָואס זָאל מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן - ווִי לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "אֵיינְמָאל דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר וַוייזְן אִיר פָּנִים, וֶועסְטוּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט דַארְפְן"; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן עַל פִּי סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן דַארְף עֶר שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט; עֶר שְׁפִּירְט אַ צוּפְרִידְנְקֵייט אִין לֶעבְּן אוּן עֶר לֶעבְּט אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבְּרִיגֶע מִינוּט נֶעמְט עֶר אַ מִשְׁנַיוֹת, אַ גְמָרָא וְכוּ' אוּן אִיז גּוֹרֵס פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דַפִּים גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דִי נִסָיוֹן פוּן אָרֶעמְקֵייט אִיז נָאר אַ פְּרוּאוו צוּ וֶועמֶען דוּ וֶועסְט זִיךְ וֶוענְדְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר הוֹדָעָה.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר מָרַת ... תִּחְיֶ׳, פַּארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן, אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס אִיז נִישְׁט דָא אִין שְׁטוּבּ גָארְנִישְׁט, דִי הוֹיז אִיז לֵיידִיג, נִישְׁט דָא קַיין עֶסְן, נִישְׁט דָא גָארְנִישְׁט, דָאךְ דַארְפְט אִיר וִויסְן אַז דָאס אִיז נָאר אַ פְּרוּאוו, מֶען וִויל זֶען פוּן הִימְל צוּ וֶועם אִיר וֶועט זִיךְ וֶוענְדְן, צִי אִיר וֶועט וַוייטֶער הָאבְּן אֱמוּנָה - גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייטֶער גְלֵייבְּן אִין צַדִיקִים, וַוייטֶער מְכַבֵּד זַיין דַיין מַאן, אָדֶער חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ פַּארְלִירְן.

גֶעדֶענְק דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; דוּ הָאסְט אַ טֵייעֶרֶער מַאן, אַ מַאן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ מַאן אַ צַדִיק, אַ מַאן וָואס גֵייט נִישְׁט לֵיידִיג, עֶר לוֹיפְט אַרְבֶּעטְן כְּדֵי צוּ זוּכְן פַּרְנָסָה. דוּ הָאסְט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער אוּן דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אַייךְ אַזוֹיפִיל גוּטְס. אֱמֶת טַאקֶע, אִיר גֵייט יֶעצְט אַרִיבֶּער דֶעם נִסָיוֹן הָעֹנִי, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין גֶעלְט אַיינְצוּקוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, אִיר וֶוערְט פַּארְשֶׁעמְט אִין גְרָאסֶערִי וֶוען אִיר דַארְפְט צוּרִיק לֵייגְן דִי עֶסְן אִין שַׁאנְק וֶוען אִיר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן, דִי קְרֶעדִיט קַארְדְס אַרְבֶּעטְן נִישְׁט אוּן דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צַעַר, אָבֶּער אַז אִיר וֶועט קוּקְן פוּן וואוּ דָאס קוּמְט, אִיר וֶועט קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען צוּ אִים וֶועט

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן גְרוֹיסֶע נִיסִים.

מַיין הַארְץ אִיז מִיר צֶערִיסְן הֶערְנְדִיג דַיין גֶעוֵויין און דַיין מַאן׳ס גֶעוֵויין, אִיךְ הָאבּ עֶנְק זֵייעֶר לִיבּ. גְלֵייבּ מִיר, אוֹיף מִיר גֵייט אוֹיךְ אִיבֶּער זֵייעֶר שְׁוֶועֶרֶע נִסְיוֹנוֹת, דָאךְ דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין תַּרְעוּמוֹת אָדֶער קַשְׁיוֹת - חַס וְשָׁלוֹם, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ זָאג אַייךְ, בְּקָרוֹב וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן און אִיר וֶועט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

**לֶערְן אוֹיס פַאר דִי קִינְדֶער אַז מְ׳קֶען נָאר לוֹיפְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן וָואס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר.

אִיךְ הָאף אַז דוּ שְׁטַארְקְסְט זִיךְ, דוּ הָאסְט סַבְלָנוּת צוּ דִי טֵייעֶרֶע יוּנְגֶע רֵיינֶע קִינְדֶער, דוּ רֶעדְסְט מִיט זֵיי אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, אַ מְלַמֵּד זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן וִוי עֶר לֶערְנְט מִיט דֶערְוַואקְסֶענֶע מֶענְטְשְׁן, דֶעמָאלְט וֶועלְן זַיינֶע דִיבּוּרִים זַיין אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

יֶעצְט וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן מִצְרַיִם זָאלְסְטוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן וִוי פַּרְעֹה מִיט דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעשְׁלָאגְן און גֶע׳הַרְגֶ׳עט אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן, און אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דִי אִידְן הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַנְטְלוֹיפְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן דִי פָּאלִיצֵיי וַוייל דִי פָּאלִיצֵיי זֶעלְבְּסְט הָאבְּן גֶע׳הַרְגֶ׳ט און גֶעשְׁלָאגְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּפְן שׁוֹמְרִים, חֲבֵרִים וְכוּ׳, וְכוּ׳; מֶען הָאט נָאר גֶעקֶענְט גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת ב, כג): "וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִן הָעֲבֹדָה, וַיִּזְעָקוּ, וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי צוּגֶעהֶערְט און גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - מֹשֶׁה רַבֵּינוּ; דָאס זָאלְסְטוּ אַרַיינְפְּרֶעגְלֶען אִין דִי קִינְדֶער.

לֶערְן מִיט דִי קִינְדֶער שְׁרַייבְּן, לֵיינֶען וְכוּ׳, וְכוּ׳; דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג, אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען שְׁרַייבְּן אוּן לֵיינֶען. לֵייג בַּיי דֶעם לִימוּד אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מִיט גוּטְנְ׳ס, מִיט פְּרָסִים וְכַדוֹמֶה.

זֶע צוּ רֶעדְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ שִׂיחוֹת חֲבֵרִים מִיט אִינְגֶעלַייט, שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן פוּן מוֹהֲרָא״ש.

...

## אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז דָא אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע תְּשׁוּבוֹת פַאר יֶעדֶע זַאךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט דֶעם טֶעלֶעפָאן אוּן אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט וְכוּ׳; אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, מִיר גֶעבְּן כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין אוּן מִיר גֶעבְּן מֹחַ וַוייטֶער צוּ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ דִי מוֹסְדוֹת וְכוּ׳.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; יֶעדֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ הָאסְט, יֶעדֶע סָפֵק וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, הֵן אִין דַיין שְׁטוּבּ אוּן סַיי מִיט אַנְדֶערֶע.

וֶוען דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן זָאלְסְטוּ עֶפֶענֶען אַ סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַחַל. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת עֵצָה, סִימָן א): ״אַל תִּשְׁאַל עֵצָה״, פְרֶעג נִישְׁט אַן עֵצָה, ״אֶלָּא מִמִּי שֶׁיּוֹדֵעַ סִתְרֵי תּוֹרָה״, נָאר פוּן אֵיינֶעם וָואס קֶען סוֹדוֹת הַתּוֹרָה; אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל אִיז דָא אַלֶע עֵצוֹת אוּן אַלֶע תְּשׁוּבוֹת פַאר יֶעדֶע זַאךְ.

זַיי פְרֵיילִיךְ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי; טַאנְץ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר וֵוייסְן פוּן רֶבִּי׳ן״.

...

**אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת פוּן שְׁטֶעטְל.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַּיין בְּרִיוו.

דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בֶּענְק זִיךְ נִישְׁט נָאךְ עֶנְק? דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין מַסִּיחַ דַּעַת פוּן עֶנְק? אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת פוּן שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ חֵלֶק פוּן מַיין לֶעבְּן; טָאג אוּן נַאכְט טְרַאכְט אִיךְ פוּן עֶנְק - וָואס נָאךְ אִיךְ קֶען טוּן פַאר עֶנְק, טָאג אוּן נַאכְט בֶּעט אִיךְ פַאר עֶנְק.

אִיךְ בִּין אַבִּיסְל שְׁוַואךְ; פוּנֶעם שַׁבָּת סִיּוּם הַשַּׁ״ס בִּין אִיךְ אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל קוּמֶען צוּ עֶנְק מֶער וִוי אִיר וַוארְט אוֹיף מִיר. אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ קֶענֶען קוּמֶען וָואס שְׁנֶעלֶער אוּן וָואס מֶער.

דִיר בֶּעט אִיךְ דוּ זָאלְסְט אַרַיין בְּלָאזְן אַ חַיּוּת אִין אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל צוּ שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דִיבּוּרֵי הִתְחַזְקוּת, דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי׳ן. אַז מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי׳ן וֶוערְט מֶען גְלַייךְ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, עֶס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חַיּוּת אִין דִי נְשָׁמָה.

זַיי שְׁטַארְק צוּ קוּמֶען אִין כּוֹלֵל יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי לֶערְנֶען הֲלָכָה; זֶע אַז דֶער פְּלַאץ זָאל זַיין דִי ד׳ אַמּוֹת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס דָאס אִיז הֲלָכָה (בְּרָכוֹת ח.). אוֹיךְ קוּם בַּיינַאכְט צוּם דַּף שִׁיעוּר.

קוּק גוּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם.

...

**דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוּן דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אִיז תְּפִלָּה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דִי בֶּעסְטֶע עֵצָה אוּן דִי בֶּעסְטֶע סְגוּלָה אִיז תְּפִלָּה; עֶס אִיז אַ רַחֲמָנוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז ׳דֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן, יֶענֶער וֶועט מִיר הֶעלְפְן׳, וֶוען נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תּוֹסֶפְתָּא נִדָּה, פֶּרֶק ה-ז): ״מַעֲשֶׂה בְּתִינוֹק אֶחָד

שֶׁהָיוּ בָּאִין בַּסְּפִינָה", אַמָאל אִיז אַ קִינְד גֶעפָארְן מִיט נָאךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן אוֹיף אַ שִׁיף, "וְעָמַד עֲלֵיהֶן נַחְשׁוֹל", אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, "וְהָיוּ זוֹעֲקִין לֵאלֹהֵיהֶם", הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייעֶן צוּ זֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער, "אָמַר לָהֶן אוֹתוֹ הַתִּינוֹק", הָאט זִיךְ דָאס קִינְד אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: "עַד מָתַי אַתֶּם נִשְׁטִין?" ווִי לַאנְג נָאךְ וֶועט אִיר זִיךְ נַארְן? "זַעֲקוּ לְמִי שֶׁבָּרָא הַיָּם!" שְׁרַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דֶעם יַם; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ גֵיין צוּ דֶעם אָדֶער צוּ יֶענֶעם, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דַיינֶע שִׁיעוּרִים, זַיי שְׁטַארְק מִיט לִימּוּד גְּמָרָא - אַ דַף גְּמָרָא יֶעדְן טָאג, אוּן אוֹיךְ מִיט לֶערְנֶען הֲלָכָה יֶעדְן טָאג.

יֶעצְט וֶוען מִיר הַאלְטְן אִין דִי טֶעג פוּן שׁוֹבְבִי"ם הוֹיבּ אָן אַ פְּרִישֶׁע שִׁיעוּר אִין תִּיקּוּנֵי זוֹהַר, דָאס וֶועט אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טֵייעֶרֶער הַארְצִיגֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ דֶעם שְׁמֵייכְל פוּן דַיין פָּנִים; וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שְׁטוּבּ זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ דַיין וַוייבּ, וֶוען דוּ בִּיסְט אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַנְדֶערֶע אוּן וֶוען דוּ אַרְבֶּעסְט זָאלְסְטוּ שְׁמֵייכְלֶען צוּ אַלֶעמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת שִׂמְחָה, חֵלֶק ב', סִימָן א): "מִי שֶׁהוּא שָׂמֵחַ תָּמִיד", דֶער וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "עַל יְדֵי זֶה הוּא מַצְלִיחַ", דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מג): "יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁיֵּשׁ לָהֶם יִסּוּרִים גְּדוֹלִים וְנוֹרָאִים רַחֲמָנָא לִצְלָן", עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן שְׁרֶעקְלִיכֶע גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים, זֵיי זוּכְן פַאר וֶועם זֵיי קֶענֶען דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וֶועם צוּ רֶעדְן, "וּכְשֶׁבָּא אָדָם עִם פָּנִים שׂוֹחֲקוֹת יָכוֹל לְהַחֲיוֹת אוֹתָם מַמָּשׁ", אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר אוֹיפְגֶעלֶעבְּט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חֶסֶד. דוּ וֶועסְט מְחַיֶּ' מֵתִים זַיין, דוּ וֶועסְט לֶעבֶּעדִיג

מַאכְן אַלֶע טוֹיטֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן.

זַיי שְׁטַארְק מִיטְ'ן דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג זָאגְן דֶעם יוֹם תְּהִלִּים און בֶּעט אוֹיךְ פַאר מִיר: יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ.

...

## נָאר זַיין פְרֵיילִיךְ.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ז טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

דַיין מַאן הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס בַּיי עֶנְק; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל זַיין בְּנָקֵל וּבְנַחַת.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג, פַאר דִיר און פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

אִיךְ וויל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; זָאלְסְט טַאנְצְן און זִינְגֶען טָאג און נַאכְט, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס. דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן פְרִישֶׁע כֹּחוֹת דוּ זָאלְסְט קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין אַלֶע חֳדָשִׁים גְרִינְגֶערְהֵייט אָן קַיין שְׁוֶועריקֵייטְן.

דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרְעַר מַאן, עֶר הֶעלְפְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיס, עֶר אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי. אִיךְ וֶועל עֶנְק נִישְׁט שוּלְדִיג בְּלַייבְּן, אִיךְ וֶועל שְׁטֶענְדִיג טוּן פַאר עֶנְק.

...

בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ, אִיךְ בִּין אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט, אִיךְ דַארְף אַסַאךְ תְּפִילּוֹת.

## קוּק מִיט רֶעסְפֶּעקְט און שֶׁעצוּנְג אוֹיף מְפִיצִים.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרְעַר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס שְׁטֶערְט דִיר אַז אֵיינֶער לֵייגְט אַרוֹיס אוֹיף זַיין אַקַאוּנְט וְכוּ׳ חִיזוּק אוֹיף צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען...

אִיךְ כַאפּ נִישְׁט פוּן וֶועם דוּ וֶוערְסְט פַארְשֶׁעמְט; וֶוער מַאכְט חוֹזֶק? דִי אַלֶע וָואס מַאכְן חוֹזֶק וְכוּ׳ מַאכְן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט חוֹזֶק פוּן דִיר וֶוען דוּ הֶערְסְט נִישְׁט; דִי אַלֶע וָואס מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער זֶענֶען נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זֵייעֶר לֶעבְּן, וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט אַ טַעַם אִין לֶעבְּן וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט חוֹזֶק גֶעמַאכְט פוּן אַנְדֶערֶע, בִּפְרַט פוּן הַפָּצָה.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, מַאךְ נִישְׁט אַוֶועק קַיין מְפִיצִים, קוּק מִיט רֶעסְפֶּעקְט אוּן שֶׁעצוּנְג אוֹיף זֵיי. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קיט): ״עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זֶעט אַז עֶר קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַז עֶר זָאל נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד״; אַז דוּ בִּיסְט נָאכְנִישְׁט גְרֵייט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן פַאר אַנְדֶערֶע מַאךְ נִישְׁט חוֹזֶק פוּן דִי אִינְגֶעלַייט וָואס גֵייעֶן יָא הַפָּצָה.

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער דִיר אַזוֹי; אִיךְ קֶען עֶס פָּשׁוּט נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן וִוי אֵייגֶענֶע תַּלְמִידִים זָאלְן אַזוֹי רֶעדְן וְכוּ׳, וְכוּ׳. הָאבּ נָאר שַׁיְיכוּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס מַאכְן נִישְׁט לֵיצָנוּת.

מַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה וִוי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן בִּיז אַהֶער אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שַׁיְיכוּת מִיט לֵצִים, אִיךְ הָאבּ נָאר גֶערֶעדְט מִיט חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן תְּמִימוּת. אַזוֹי וִוי דֶעם רֶבִּינְ׳ס תַּלְמִיד רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: ״אֲנִי אִישׁ תַּם וְחָפֵץ בִּתְמִימוּת״, אִיךְ בִּין אַ תַּם אוּן אִיךְ הָאבּ לִיבּ תְּמִימוּת (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן סז).

פַארְשְׁטֵיי וָואס אִיךְ מֵיין...

...

## דַיין וַוייבּ דַארְף הָאבְּן אַ מַאן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ח טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.

דַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי אֵיי אֵיי אֵיי בַּיי עֶנְק וְכוּ׳, וְכוּ׳.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין טַייעֶר קִינְד, מַיין טַייעֶרער ..., דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הִימְל אַ מַתָּנָה אַזַא טַייעֶרע וַוייבּ תִּחְיֶ', פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט מְחַזֵק זַיין ? זִי אִיז צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיצְ-פִּיצְלֶעךְ, זִי דַארְף אַ מַאן, זִי אַלֵיינְס קֶען נִישְׁט רֵיין מַאכְן דִי שְׁטוּבּ ; זִי דַארְף אַ מַאן, זִי דַארְף אַ שְׁמֵייכְל פוּן אִיר מַאן, זִי פַּאלְט פוּן אִירֶע כּחוֹת.

הָאבּ רַחֲמָנוּת, כַאפּ זִיךְ בַּאצַייטְנְס ; וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען זִי וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ אַ טֶערֶעפִּיסְט ה' יְרַחֵם אוּן דִי טֶערֶעפִּיסְט וֶועט רֶעדְן צוּ אִיר וָואס דִי גוֹי'שֶׁע וֶועלְט הֵייסְט רֶעדְן, "טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ..." "זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן דִי מַאן..." דוּ וֶועסְט אַהֵיימְקוּמֶען אוּן זִי וֶועט זִינְגֶען דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נִיגוּן פוּן "סֶעלְף דֶעפֶּענְס"; זִי וֶועט דִיר אִיבֶּערְלָאזְן, ה' יִשְׁמְרֵנוּ.

קוּם אַהֵיים בַּאצַייטְנְס אוּן הֶעלְף אִיר מִיט דִי קִינְדֶער, טְרַאכְט פוּן אִיר פְּרֵיילִיךְ מַאכְן. אַז דוּ בִּיסְט אַ הֵייסֶער מֶענְטְשְׁן אוּן דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט קַיין הֵייצוּנְג (סְטִים), פַּארְוָואס זָאל זִי פַּארְפְרוֹירְן וֶוערְן ? ! וואוּ אִיז דַיין רַחֲמָנוּת ? וואוּ אִיז דַיין אִידִישׁ הַארְץ ? !

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער, וֶועט דִיר גוּט זַיין.

אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ אוּן אִיךְ ווִיל נָאר זֶען דַיין הַצְלָחָה.

...

**בְּרֶענְגֶען אִין חֵדֶר נָאר עֶרְלִיכֶע הֶכְשֵׁרִים.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ח טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט אַ מְלַמֵד, דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה אוּן אֱמוּנָה מִיט אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת. טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה אַז דָאס אִיז דַיין חֵלֶק, דוּ וֶוערְסְט נִישְׁט פַארְשְׁוַוארְצְט אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַאכְן וָואס בְּלַייבְּט נִישְׁט ; יֶעדֶע רֶגַע וָואס דוּ זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער אִיז אַ זְכוּת פַאר דִיר לָנֶצַח נְצָחִים.

בְּנוֹגֵעַ אָ"ה י"וּ דִ"י (OU-D) וְכוּ' ; רֶעד צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען זֵיי בֶּעטְן אַ עֶסְן אָדֶער אַ טְרִינְקֶען פוּן אַ חַבֵר אַז זֵיי זָאלְן דָאס בּוֹדֵק זַיין אוֹיבּ

עֶס אִיז כָּשֵׁר, אוֹיבּ עֶס הָאט אַן עֶרְלִיכְן הֶכְשֵׁר; וַוייל אַז מֶען טְרִינְקְט אָדֶער מֶען עֶסְט חָלָב עֲכּוּ״ם וֶוערְט דִי בְּלוּט פַאר׳סַמְ׳ט אוּן פַאר׳תַּמְ׳ט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן פַארְ׳ן מְנַהֵל עֶר זָאל נָאכְאַמָאל אַהֵיים שִׁיקְן צֶעטְלֶעךְ פַאר אַלֶע עֶלְטֶערְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט שִׁיקְן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען מִיט דִי א״וּ י״וּ הֶכְשֵׁר אוּן זִיכֶער נִישְׁט אָ״ה י״וּ ד״י.

אַז אַ קִינְד זָאגְט אַז בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ נוּצְט מֶען דֶעם הֶכְשֵׁר זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר זָאגְן קְלָאר אִין זִיכֶער: ״דָא אִין חֵדֶר קֶען מֶען דָאס נִישְׁט בְּרֶענְגֶען, דָא אִין חֵדֶר פִירְט מֶען זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל, אַז מֶען זָאל נִישְׁט עֶסְן אָ״ה י״וּ״.

...

פוּן אַ בְּרֶעקֶעלֶע מִיט אַ בְּרֶעקֶעלֶע וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶע שְׁנֵיי.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י״ט טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן וָואס דַיין מְלַמֵד הָאט עֶנְק גֶעזָאגְט, וָואס מֶען לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן שְׁנֵיי. עֶס פַאלְט אַ בְּרֶעקֶעלֶע שְׁנֵיי אוּן נָאךְ אַ בְּרֶעקֶעלֶע שְׁנֵיי אוּן נָאךְ, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ פוּס שְׁנֵיי אָדֶער מֶער. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טוּט מִצְווֹת, מֶען טוּט אַ מִצְוָה׳לֶע אוּן נָאךְ אַ מִצְוָה׳לֶע אוּן נָאךְ, בִּיז מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַזַא גוּטֶע מְלַמֵד אוּן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִין דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶ חֵדֶר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

מִיט תְּפִלָּה וֶועסְטוּ אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע לִיבְּשַׁאפְט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, יֵ״ט טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְט אִיר אַז פוּן יֶעדֶע צָרָה אוּן יֶעדֶע פְּלָאנְטֶער אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז מֶען וַוייסְט נִישְׁט דִי וֶועג אַרוֹיס פוּן דִי צָרָה, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי טִיר אַרוֹיס; אוֹיף דֶעם קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער בְּרֶסְלֶב'עֶר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז דִי טִיר אַז מִיר זָאלְן קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קיב) אַז דִי טִיר אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן אַ צָרָה אִיז תְּפִילָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ. מִיר רֶעדְן אִידִישׁ, דַארְפְן מִיר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל אוּנְז הֶעלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן. נִישְׁט קַיין חִילוּק וואו מֶען אִיז, פוּן אִיבֶּעראַל קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם אִין יֶעדְן מַצָּב.

דֶערִיבֶּער אַז אִיר הָאט דִי צָרָה, עֶס אִיז אַרַיין אִין אַייךְ אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ אַ חַבְרְ'טֶע, אַ נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע חַבְרוּתָא, אַ קְרַאנְקֶע שַׁיְיכוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן; דִי חַבְרְ'טֶע נֶעמְט אִיבֶּער אַייעֶר מֹחַ-מַחְשָׁבָה, אִיר קֶענְט נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ נָאר פוּן דִי כַּלָה, אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טוּן אָן טְרַאכְטְן פוּן אִיר, אַייעֶר מַחְשָׁבָה טְרַאכְט נָאר אֵיין זַאךְ, פוּן דִי חַבְרְ'טֶע, דָאס אִיז גוֹרֵם אַז אִיר קֶענְט נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אִיר קֶענְט נִישְׁט זַיין מִיט אַייעֶר מַאן וְכוּ', אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טוּן נָאר טְרַאכְטְן פוּן אִיר הַשֵּׁם יְרַחֵם; זָאלְט אִיר נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן, אִיר זָאלְט אָנְהוֹיבְּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל יֶעדְן טָאג, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אִיר וֶועט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי צָרָה.

אִיךְ שְׁטֶעל זִיךְ פַאר אַז אִיר וַוייסְט נִישְׁט צוּפִיל אִיבֶּער דִי זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָה, אִיר וַוייסְט נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶועל אִיךְ אַייךְ שְׁרַייבְּן אַ קְלֵיינֶע תְּפִילָה אַייךְ צוּ הֶעלְפְן אוּן וַוייזְן ווִי אַזוֹי מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאכְדֶעם וֶוען אִיר וֶועט שׁוֹין זַיין צוּגֶעוואוֹינְט מִיט דִי תְּפִילָה וֶועט אִיר שׁוֹין אַלֵיינְס קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ בֶּעסֶער אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מִיט אַייעֶרֶע גֶעפִילְן, אִיר וֶועט קֶענֶען דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיר שְׁפִּירְט אוּן וָואס אִיר טְרַאכְט בִּיז אִיר וֶועט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר מַיין שֵׁיינֶע לֶעבְּן וָואס אִיךְ הָאבּ, הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן לִיכְטִיגֶע קִינְדֶער; גֶעזוּנְטֶע, זִיסֶע אוּן צוּקֶערְ'דִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, אִיךְ

דַאנְק דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס אִיז מִיר אַרַיין אַ שְׁלֶעכְטֶע רוּחַ, אִיךְ הָאב בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל צוּ מַיין חַבְרְ'טֶע ...., אִיךְ קֶען נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן טְרַאכְטְן פוּן אִיר. אַנְשְׁטָאט אִיךְ זָאל אָנְגֵיין מִיט מַיין אִידִישֶׁע לֶעבְּן, זַיין אַ גֶעטְרֵייעֶ מַאמֶע פַאר מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַ ווּאוּילֶע וַוייבּ פַאר מַיין טַייעֶרֶער מַאן נֵרוֹ יָאִיר, קֶען אִיךְ גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר זַיין פַארְנוּמֶען מִיט ....

אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ, קוּק מַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ, אִיךְ אַלֵיינְס וִויל נִישְׁט דִי סָארְט לֶעבְּן, אִיךְ וִויל נִישְׁט בַּאקוּמֶען שְׁטַארְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּן אִיר, אִיךְ וִויל בַּאקוּמֶען מַיין שְׁטַארְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט פוּן מַיין טַייעֶרֶע ווּאוּילֶער מַאן, אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף מִיר, הֶעלְף מִיר, אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל זַיין אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע פְרוֹי, אִיךְ וֵויס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן. זִי הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעזֶעצְט אִין מַיין מֹחַ אוּן דָארְט הָאט זִיךְ אַלֶעס גֶעעֶנְדִיגְט; פוּן אִיר נֶעם אִיךְ מַיין שְׁטַארְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ וֵויס אַז עֶס אִיז אַן עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט, אָבֶּער אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶער צוּ מַיין גֶעבֶּעט אוּן מַיין גֶעוֵוין; הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת אַלֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן בִּפְרַט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אוּן רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה בֶּן מַלְכָּה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אָמֵן".

זָאגְטְס דִי תְּפִילָה נִישְׁט אֵיינְמָאל אַ טָאג אוּן נִישְׁט צְוֵויי מָאל, נָאר יֶעדֶעס מָאל אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר קֶענְט נִישְׁט וַוייטֶער טְרַאכְטְן, אַייעֶרֶע גֶעפִילְן וָואס אִיר הָאט צוּ אִיר נֶעמֶען אִיבֶּער אַייעֶר מֹחַ, זָאלְט אִיר נָאכְאַמָאל זָאגְן: "אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר, אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס טוּ אִיךְ דָא וַוייטֶער?" לֵייגְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת, וֶועט אִיר וֶוערְן צוּרִיק גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן קַאפִּיטְל כט פוּן תְּהִילִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת קְלִיפָּה, סִימָן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אַז מֶען זָאגְט קַאפִּיטְל כט נֶעמְט מֶען אַוֶועק דֶעם רוּחַ רָעָה וָואס כַאפְּט זִיךְ אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ.

"מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה' בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה' כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה' כְּבוֹד שְׁמוֹ

הִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה׳ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה׳ עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה׳ בַּכֹּחַ קוֹל ה׳ בֶּהָדָר. קוֹל ה׳ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה׳ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה׳ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה׳ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה׳ מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה׳ יְחוֹלֵל אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה׳ לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה׳ מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה׳ עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה׳ יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אוּן אַייךְ הֶעלְפְן; אִיר וֶועט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּרִיק וֶוערְן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע צוּ אַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן אַ גֶעטְרֵייעֶ וַוייבּ צוּ אַייעֶר מַאן, אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אִים מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן דִי כַּלָּה - אַייעֶר חַבְרְ׳טֶע וֶועט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר צוּקוּנְפְטִיגֶער חָתָן, אִיר וֶועט לֶעבְּן מִיט אַייעֶר מַאן אוּן זִי וֶועט לֶעבְּן מִיט אִיר מַאן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז.

...

### מְ׳רוֹדְפְ׳ט אוּן מְ׳רַצְחְ׳ט אַ בָּחוּר בְּלוֹיז וַוייל עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי וַוייטֶער מְחַזֵק דֶעם בָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר; דוּ קֶענְסְט אִים דָאס מֶערְסְטֶע מְחַזֵק זַיין, וַוייל מִיט דִיר הָאט מֶען גֶעטוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער - פַּאר צֶען יָאר צוּרִיק וֶוען מֶען הָאט דִיר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה, מֶען הָאט דִיר גֶע׳הַרְגְ׳ט אוּן גֶעשְׁלָאגְן צוּלִיבּ דַיין עֲבֵירָה פַּארְ׳ן קוּמֶען לֶערְנֶען אִין בְּרֶסְלֶב. קֵיינֶער הָאט דִיר נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן מִיט דִיר, נָאר אֵיין צַדִיק, דֶער הַיינְטִיגֶער ... רֶבִּי; עֶר הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר, דִיר צוּ בְּרֶענְגֶען תְּפִילִין, ד׳ מִינִים, וְכוּ׳ וְכוּ׳. דוּ קֶענְסְט שְׁרַייבְּן אַפָּאר בִּיכֶער פוּן וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

יֶעצְט הָאט מֶען זִיךְ גֶענוּמֶען אוֹיף אַן אוּמְשׁוּלְדִיגֶער בָּחוּר; עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר ווִיל אֵיין זַאךְ, עֶר ווִיל זַיין אַ אִיד אוּן זַיין מַאמֶע הַרְגְ׳עֶט אִים אוּן שְׁלָאגְט אִים מִיט מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת. זִי הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן שְׁטוּבּ אוּן עֶר שְׁלָאפְט מִיט

הַיימְלָאזֶע גוֹיִם, טוּנְקֶעלֶע גוֹיִם וָואס זֶענֶען חָשׁוּד אוֹיף מַעֲשֶׂה תּוֹעֵבָה, עֶר קֶען דָארְט פַאַרְלִירְן זַיין לֶעבְּן פוּן דִי וֶועלְט אוּן פוּן יֶענֶע וֶועלְט.

בֶּעט אִיךְ דִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים; רוּף אָן זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דֶערְצֵייל פַּאר אַלֶע פֶּעטֶערְ׳ס אוּן מוּמֶע׳ס, זֵיידֶע׳ס אוּן בַּאבֶּע׳ס, שְׁכֵנִים וְכוּ׳ - וָואס דִי עֶלְטֶערְן טוּעֶן מִיטְ׳ן בָּחוּר; אַזוֹינְס הֶערְט מֶען נִישְׁט, עֶלְטֶערְן זָאלְן שִׁיקְן זֵייעֶר קִינְד שְׁלָאפְן מִיט הַיימְלָאזֶע טוּנְקֶעלֶע נִישְׁט אִידְן! דֶערְצֵייל אַז מֶען הַרְגְ׳עֶט אִים אוּן מֶען רַצְחְ׳ט אִים, זֵיי זָאלְן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים. מִיר זָאלְן קֶענֶען זָאגְן (דְּבָרִים כא, ז): "יָדֵינוּ לֹא שָׁפְכוּ אֶת הַדָּם הַזֶּה".

...

**מְ׳שְׁלָאגְט אַ בָּחוּר מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת פַאר׳ן קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי נַאכְט יוֹם טוֹב אִינְדֶערְוָואכְן; דִי פָּאלִיצַיי הָאט מִיר אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ בַּאהַאלְטְן אַ בָּחוּר. עֶס אִיז דָא אַ בָּחוּר וָואס דִי עֶלְטֶערְן הַרְגְ׳נֶען אִים אוּן שְׁלָאגְן אִים מַכּוֹת אַכְזָרִיוּת וַוייל עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים אוּן וַוייל עֶר קוּמְט אַרוֹיף אִין יְשִׁיבָה, דֶער בָּחוּר שְׁלָאפְט נֶעבֶּעךְ צְוִוישְׁן הַיימְלָאזֶע גוֹיִם, דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן אִים נִישְׁט הַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ וַוייל עֶר קוּמְט אִין יְשִׁיבָה.

וָואס זָאלְן מִיר טוּן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אוּנְזֶער פְּלַאץ לָשׁוֹן הָרַע׳ס אוּן דָאס אִיז גוֹרֵם אַז עֶלְטֶערְן זָאלְן נִישְׁט לָאזְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען; עֶלְטֶערְן וֶועלְן עֶנְדֶערְשׁ הַרְגְ׳נֶען דִי קִינְדֶער אַבִּי זֵיי זָאלְן נִישְׁט קוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר פַאַרְשֶׁעמְט.

רֶבִּי נָתָן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אוּן גֶעזֶען ווִי דֶער רֶבִּי וַויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּן קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּארוּאִיגְן, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וַויינְט אַזוֹי שְׁטַארְק, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "ווִי קֶען מֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן אוֹיף מִיר אַזֶעלְכֶע שְׁקָרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳?!" וַוייל דֶעמָאלְט הָאט דֶער

זֵיידֶע פוּן ש. אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע לִיגְנְט רַחֲמָנָא לִיצְלָן אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, אַז דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט צוּ וְכוּ'. שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי וַויינְט, וָואס גֵייט אָן דֶעם רֶבִּי'ן וָואס יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים? הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיז וָואס?!" שְׁפֶּעטֶער וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט זַיין מַחְלוֹקֶת אוּן מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגְ'נֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוֵויינְט; עֶס אִיז נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז יֶענֶער רֶעדְט אוֹיף אִים, עֶס הָאט וֵויי גֶעטוּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן נִישְׁט מְקוּרָב וֶוערְן; קִינְדֶער, בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וֶועלְן אַוֶועק פַאלְן פוּן דֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה צוּלִיבּ דִי לָשׁוֹן הָרָע'ס.

עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אַסַאךְ רְדִיפוֹת אוּן אַסַאךְ שְׁפִיכוּת דָמִים; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעטוּן אַלֶעס וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענְט צוּ פַארְמַאכְן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ, אָבֶּער בִּזְכוּת הַצַדִיקִים הָאבְּן מִיר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ וַוייטֶער דֶערְהַאלְטְן אוּן אָנְגֵיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן מְקָרֵב זַיין וָואס מֶער נְשָׁמוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין שׁוּם פְּרִיוַואטֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת, אָן קַיין שׁוּם אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסֶע.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

**בֶּעטְס אִיבֶּער אֵייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט.**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַייךְ זֵייעֶר גוּט, אוּן אִיר זֶענְט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט; אָבֶּער מֶען דַארְף נוּצְן דִי קָאפּ אוּן שֵׂכֶל מֶער ווִי דִי גֶעפִילְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ אוּן אַ נַארִישֶׁע פְרוֹי צֶעבְּרֶעכְט עֶס מִיט אִירֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט; פְרוֹיעֶן הָאבְּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶע כּוֹחוֹת אִין זִיךְ, זֵיי קֶענֶען דָאס נוּצְן אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן זֵייעֶר שְׁטוּבּ אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט - אַלֵיינְס חָרוּב מַאכְן

זֵייעֶר שְׁטוּב, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דִי פְּרוּוּיעֶן וֶוייסְן נִישְׁט פוּן זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת. אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעֲנָה'ן מִיטְ'ן מַאן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ קְרִיגְן מִיט אִים, קֶען מֶען אַרְבֶּעטְן מִיט חָכְמָה; אַז מֶען גֶעבְּט דֶעם מַאן לִיבְשַׁאפְט, מֶען רֶעדְט שֵׁיין צוּ אִים, וֶועט עֶר פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זַיין גוּט אוּן וואוֹיל.

בֶּעטְס אִיבֶּער אַייעֶר מַאן אֲפִילוּ עֶר אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע שָׁלוֹם בַּיִת. גֶעדֶענְקְטְס, מֶענֶער הָאבְּן אִין זִיךְ אַ גַאֲוָה, זֵיי וִוילְן זַיין בַּעַל הַבַּיִת; אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט פַארְ'ן מַאן אַבִּיסְל רֶעסְפֶּעקְט מֶען וַוייזְט זֵיי אַז מֶען שֶׁעצְט זֵיי, מֶען הֶערְט אוֹיס וָואס זֵיי רֶעדְן אֲפִילוּ עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט גָאר וֵוייניג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶלְטֶערְן זָאלְן הַרְגְ'נֶען אַן אֵייגְן קִינְד בְּלוֹיז צוּלִיבּ לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים?!

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ' טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה.**

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ בִּיסְט מִיט גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים אִין גֶערִיכְט, לְהַצִּיל עָשׁוּק מִיַּד עוֹשְׁקוֹ; זָאג דֶעם בָּחוּר אַז עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי דִי גוֹיִם, עֶר קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן זַיין נְשָׁמָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֲבוֹדָה זָרָה כב.; שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קנג) אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מְיַחֵד זַיין מִיט אַ נִישְׁט אִיד, וַוייל זֵיי זֶענֶען חָשׁוּד אוֹיף טוּן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן. עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר גֵיין שְׁלָאפְן בַּיי זַיין זֵיידֶע אוּן אוֹיבּ זַיין זֵיידֶע ווִיל אִים אוֹיךְ נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען צוּלִיבּ דִי גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה אַז עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר; זָאל עֶר שְׁלָאפְן אִין אַ בֵּית הַמֶדְרָשׁ, עֶר זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

וֶוער קֶען גְלֵייבְּן אַזַא זַאךְ?! וֶוער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז הַיינְט וֶוען קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, בָּחוּרִים וַוארְפְן אַוֶועק זֵייעֶר תְּפִילִין, מֵיידְלֶעךְ פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט - זָאלְן עֶלְטֶערְן זַיין אַזוֹי בְּלִינְד אוּן הַרְגְ'נֶען זֵייעֶר אֵייגְן קִינְד צוּלִיבּ דִי עֲבֵירָה פוּן לֶערְנֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ סְפָרִים?! עֶלְטֶערְן זָאלְן לֵייגְן זֵייעֶר

קִינְד צְווִישְׁן הֵיימְלָאזֶע טוּנְקֶעלֶע גוֹיִם!

דָאס אִיז דֶער גָלוּת; אוֹיף דֶעם דַארְפְן מִיר וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן דֶעם גָלוּת, פוּן דִי שִׂנְאַת חִינָם אַז מֶען הָאט זִיךְ פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְלַיידְן.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## מְחַזֵק זַיין דֶעם מַאן.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁטַארְקֶעְס אַייךְ אוּן זַייטְס פְרֵיילִיךְ; אִיר הָאט בַּאקוּמֶען אַ טֵייעֶרֶער מַאן, עֶר אִיז זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אוּן אַ וואוֹילֶער, זַייטְס אִים מְחַזֵק עֶר זָאל וַוייטֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת יז.): ״גְּדוֹלָה הַבְטָחָה שֶׁהִבְטִיחָן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לַנָּשִׁים יוֹתֵר מִן הָאֲנָשִׁים״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט שְׂכַר פַּאר דִי פְרוֹיעֶן מֶער וִוי פַּאר דִי מֶענֶער, וַוייל אִין זֵייעֶר זְכוּת אִיז דָא תּוֹרָה בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

דִי בִּילְדֶער פוּן אַייךְ מִיט אַייעֶר מַאן דָאס אִיז פַאר אַייךְ פְּרִיוַואט נִישְׁט אַרוֹיס צוּ לֵייגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הָאבְּן קִינְדֶער גְרִינְגֶערְהֵייט.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, כ׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט מִיר מְחַיֶ' גֶעוֶועְן מִיט דִי בְּרִיוו; טָאג אוּן נאכְט הֶער אִיךְ נָאר יֶעדְנְ'ס קְרֶעכְצְן אוּן יֶעדְנְ'ס פְּרָאבְּלֶעמֶען, רוֹב מֶענְטְשְׁן קוּמֶען נִישְׁט דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר גוּטֶע לֶעבְּן, מֶען קוּמְט נָאר קְרֶעכְצְן. מֶען שְׁרַייבְּט בְּרִיוו אִין וָואס דֶער מַאן הָאט טַעֲנוֹת אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן דִי וַוייבּ הָאט טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן מַאן, אוּן פוּן אַייךְ הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַזַא שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע בְּרִיוו וואוּ אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן אוּן אִיר זֶענְט גְלִיקְלִיךְ אָן אַ שִׁיעוּר אַז אֵייעֶר מַאן לֶערְנְט אוּן הֶעלְפְט אַייךְ, הַלְוַאי זָאל אִיךְ בַּאקוּמֶען פוּן אַלֶעמֶען אַזֶעלְכֶע בְּרִיוו, הַלְוַאי זָאל זַיין לִיכְטִיג בַּיי אַלֶעמֶען.

בְּנוֹגֵעַ וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט וְכוּ'; אִיר דַארְפְט גָארְנִישְׁט טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶס וֶועט זַיין מִיט אַ גוּטֶע מַזָל אִין אַ גוּטֶע שָׁעָה. אַז אִיר ווִילְט גֵיין יֶעדֶע פָּאר טֶעג קוּקְן אוֹיבּ אַלֶעס אִיז בְּסֵדֶר קֶענְט אִיר גֵיין, ווִידֶער אַז אִיר זֶענְט רוּאִיג אוּן אִיר ווִילְט נִישְׁט גֵיין דַארְפְט אִיר נִישְׁט גֵיין; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ אִין אַייךְ.

הֶערְטְס נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן מִיט אַייךְ גְרוֹיסֶע נִיסִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ב) אַז קַאפִּיטְל ק' – "מִזְמוֹר לְתוֹדָה" אִיז מְסוּגָל צוּ גֶעבּוֹירְן גְרִינְג דָאס קִינְד; וַוייל אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע טוֹיעֶרְן אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, זָאלְט אִיר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן, לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים, דָאס וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן צוּ הָאבְּן גְרִינְג אִין אַ גוּטֶע מַזָל.

יֶעדְן טָאג זָאלְט אִיר זָאגְן דֶעם קַאפִּיטְל אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר בֶּעטְן דִי תְּפִילָה:

"מִזְמוֹר לְתוֹדָה הָרִיעוּ לַה' כָּל הָאָרֶץ, עִבְדוּ אֶת ה' בְּשִׂמְחָה בֹּאוּ לְפָנָיו בִּרְנָנָה, דְּעוּ כִּי ה' הוּא אֱלֹקִים הוּא עָשָׂנוּ וְלוֹ אֲנַחְנוּ עַמּוֹ וְצֹאן מַרְעִיתוֹ, בֹּאוּ שְׁעָרָיו בְּתוֹדָה חֲצֵרֹתָיו בִּתְהִלָּה הוֹדוּ לוֹ בָּרְכוּ שְׁמוֹ, כִּי טוֹב ה' לְעוֹלָם חַסְדּוֹ וְעַד דֹּר וָדֹר אֱמוּנָתוֹ.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אוּן הָאבְּן גְרִינְג, אַלֶעס זָאל זַיין גוּט, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען. בִּזְכוּת אַבְרָהָם אָבִינוּ, בִּזְכוּת יִצְחָק אָבִינוּ, בִּזְכוּת יַעֲקֹב אָבִינוּ, בִּזְכוּת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בִּזְכוּת אַהֲרֹן הַכֹּהֵן, בִּזְכוּת יוֹסֵף הַצַּדִּיק, בִּזְכוּת דָּוִד הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, בִּזְכוּת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, בִּזְכוּת

רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, בִּזְכוּת רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, בִּזְכוּת רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, בִּזְכוּת רַבֵּינוּ אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה מִבְּרֶסְלֶב, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, ה׳ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ אִין יְרוּשָׁלַיִם.

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם אַ׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ב טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פְּרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט מְחַזֵּק אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יְרוּשָׁלַיִם; דוּ הָאסְט מְיַסֵּד גֶעוֶוען אַ מִנְיָן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב, דוּ גֶעבְּסְט אַוֶועק דַיין שְׁטוּב מֶען זָאל דָארְט קֶענֶען דַאוְוענֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת סג:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-ב ו, יב): ״וַיְבָרֶךְ ה׳ אֶת עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת כָּל בֵּיתוֹ״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם עוֹבֵד אֱדוֹם וַוייל עֶר הָאט אַריין גֶענוּמֶען דֶעם אָרוֹן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב, ״וַהֲלֹא דְּבָרִים קַל וָחֹמֶר, וּמָה אָרוֹן שֶׁלֹּא אָכַל וְשָׁתָה אֶלָּא כִּבֵּד וְרִבֵּץ לְפָנָיו כָּךְ, הַמְאָרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ וּמַאֲכִילוֹ וּמַשְׁקֵהוּ וּמְהַנֵּהוּ מִנְּכָסָיו עַל אַחַת כַּמָּה וְכַמָּה״, זָאגְן חֲזַ״ל, מַה דָאךְ וֶוען עֶר הָאט אַריין גֶענוּמֶען דֶעם אָרוֹן - וָואס אִיז נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא בַּיי דֶעם קַיין עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט קִינְדֶער וְכוּ׳, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען מֶען נֶעמְט אַריין אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן מֶען גֶעבְּט אִים עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אַז מֶען וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז מֶען נֶעמְט אַריין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן מֶען גֶעבְּט זֵיי עֶסְן פַאר זֵייעֶר נֶפֶשׁ וּנְשָׁמָה, מֶען אִיז זֵיי מְחַזֵּק מִיט דִי הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, מֶען טְרִינְקְט אָן בֵּיימֶער - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ מְחַזֵּק זַיין דִי אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין וִוי מֶער אִין הֲפָצָה צְוִוישְׁן דֶעם הֵיימִישְׁן עוֹלָם; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיף בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת,

אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיף אִינְגֶעלַייט און נָאר דִי סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים אִיז זֵיי מְחַזֵק און דֶערְהַאלְט זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן עֶס זָאל נִמְתָּק וֶוערְן פוּן דִיר אַלֶע דִינִים עַל יְדֵי פֶּלֶא עֶלְיוֹן שֶׁהִיא רַחֲמִים גְדוֹלִים, דַיין קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט און שְׁטַארְק און הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעם נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין דִי בְּחִירוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ב טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווײַל אִיז דִיר אַז דוּ נוּצְט אוֹיס דִי צַייט מִיט לִימוּד הַתּוֹרָה; יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַרְבֶּעט זִיצְטוּ אִין שְׁטוּבּ און דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מָמוֹן, סִימָן צז): "מִי שֶׁאֵין לוֹ פַּרְנָסָה יַעֲסֹק בַּתּוֹרָה, וְאַחַר כָּךְ יִתְפַּלֵּל עַל פַּרְנָסָה, בְּוַדַּאי יִתְקַבֵּל תְּפִלָּתוֹ", וֶוער עֶס ווִיל פַּרְנָסָה זָאל לֶערְנֶען תּוֹרָה און נָאכְדֶעם זָאל עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער צוּהֶערְן זַיין גֶעבֶּעט.

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה וֶועסְטוּ זִיכֶער הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע; מוֹהֲרַנַ"שׁ הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט גֵיין הֲפָצָה וֶועט שְׁטֶענְדִיג הָאבְּן גֶעלְט אִין טַאשׁ. בִּפְרַט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וָואס דָארְט הָאסְטוּ מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס מֶען הָאט זֵיי לַיידֶער אַוֶועק גֶערִיסְן פוּן דִי אֱמוּנָה און וֶוען מֶען אִיז זֵיי מְזַכֶּה מִיט דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים און קוּנְטְרֵסִים זֶענֶען זֵיי זִיךְ מוֹרָא'דִיג מְחַיֶה; זֵיי גֶעבְּן זֵייעֶר שֵׁיין צְדָקָה, בִּפְרַט אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דִי סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן נֶעמֶען זֵייעֶר שֵׁיין דִי קוּנְטְרֵסִים.

בְּנוֹגֵעַ אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף זַיין אִין דִי בְּחִירוֹת. מֶען פַארְדְרֵייט דִיר אַ קָאפּ, דֶער גָדוֹל הֵייסְט שְׁטִימֶען פַאר דֶעם און דִי גְדוֹלִים הֵייסְן שְׁטִימֶען פַאר דֶעם, דוּ ווִילְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן; שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ און נֶעם נִישְׁט קַיין

חֵלֶק אִין דִי בְּחִירוֹת, מִיר שְׁטִימֶען נָאר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר נֶעמֶען נִישְׁט קַיין חֵלֶק מִיט דִי עֵרֶב רַב וָואס זֶענֶען מוֹרֵד בְּמַלְכוּת שָׁמַיִם.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, בִּפְרַט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף זַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; מֶען זָאל גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דָאס הַארְץ, מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע וַוארְפְט דִיר אַלְץ אַרָאפּ, אוּן אַז וִויפִיל מָאל דוּ וִוילְסְט שׁוֹין זַיין גוּט פַאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק אַרָאפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

הֶעלְף דַיין וַוייבּ זִי זָאל קֶענֶען גֵיין צוּם שִׁיעוּר.

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תּוֹשָׁב קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי נְיוּ יָארְק.**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ זַיין שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל, עֶס אִיז אַ שֵׁיין פְּלַאץ, אַ הֶערְלִיךְ ווִינְקֶל; מֶען שְׁפִּירְט דִי אַחְדוּת צְווִישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מֶען שְׁפִּירְט דָאס לִיבְּשַׁאפְט, דָאס וַוארֶעמְקֵייט - פוּן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן רֶבִּי'ן, מִיר זָאלְן בְּלַייבְּן בַּיים רֶבִּי'ן; מֶען דַארְף אַסַאךְ רַחֲמֵי שָׁמַיִם אַז מֶען זָאל בְּלַייבְּן אִין דִי לִיכְטִיגֶע חַבּוּרָה אוּן נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ לֵצִים, צוּ טוּנְקְלְקֵייט. אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע אֲמוֹרָאִים הָאבְּן גֶעבֶּעטְן (בְּרָכוֹת יז.): "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, "שֶׁתַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן אוֹרָה", אִיךְ זָאל טְרֶעפְן אַ לִיכְטִיגֶער ווִינְקֶל, "וְאַל תַּעֲמִידֵנוּ בְּקֶרֶן חֲשֵׁכָה", אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אַ טוּנְקֶעלֶע פְּלַאץ, אַ פְּלַאץ פוּן לֵצִים, אַ פְּלַאץ פוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע מֶענְטְשְׁן, "וְאַל יִדְוֶה לִבֵּנוּ", דָאס הַארְץ זָאל מִיר נִישְׁט וֵויי טוּן, "וְאַל יֶחְשְׁכוּ עֵינֵינוּ", אוּן מַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן נִישְׁט פַארְטוּנְקְלְט וֶוערְן.

הַיינְט נַאכְט וֶועט פָארְקוּמֶען דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר אִין שְׁטֶעטְל; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן גוּטֶע

וֶוערְטֶער, חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ ווירְטְשַׁאפְט, חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער און חִיזוּק זִי זָאל וִויסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ פַאר דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵק זַיין צוּ קוּמֶען וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אוֹיבּ ווילְסְטוּ חֲתוּנָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ד טֵבֵת, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דוּ ווילְסְט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטַארְק חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ ווילְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט און וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (תִּיקּוּנֵי זוֹהַר חַד סַר, כו:): "וַתִּפְתַּח, כַּד יִשְׂרָאֵל פָּתְחִין בִּתְיוּבְתָּא בִּבְכִיָה", וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֵויינֶען זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "מִיָד וַתַּחְמֹל עָלָיו", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת און עֶר הֶעלְפְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (יִרְמְיָה לא ח): "'בִּבְכִי יָבֹאוּ', בִּזְכוּת בִּכְיָה", בִּזְכוּת דִי טְרֶערְן, "יִתְכַּנְשׁוּן מִן גָּלוּתָא", גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן אַלֶע צָרוֹת.

**טַייעֶרֶער לִיבֶּער ..., זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת און תַּרְעוּמוֹת, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר שׁוֹין טְרֶעפְן מַיין שִׁידוּךְ; אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ".**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט דַיינֶע צֶעטְלִיגֶער בְּרִיוו, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען.

...

**ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ד טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ הֶערְן פוּן דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט חִיזוּק פוּן דִי בְּרִיוו אוּן פוּן דִי שִׁיעוּרִים; אַז מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת זֶעט מֶען אַז נָאר דֶער רֶבִּי קֶען שְׁטַארְקְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע: "ווִיפִיל אִיז דִי שִׁיעוּר הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה?" דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן דַאווֶענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּערְלָאזְן צַייט אַרוֹיסְצוּכַאפְּן אַבִּיסְל חוּמָשׁ יֶעדְן טָאג, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן לְכָל הַפָּחוֹת אַ בְּלַאט גְמָרָא. אַרְבֶּעטְן פוּן צֵאת הַחַמָּה בִּיז צֵאת הַנְשָׁמָה, אָן קַיין דַאווֶענֶען, אָן קַיין לֶערְנֶען, אָן קַיין מִקְוֶה אוּן אָן קַיין הִתְבּוֹדְדוּת - אִיז נִישְׁט קַיין הִשְׁתַּדְּלוּת פַאר פַּרְנָסָה, עֶס אִיז קֵיין פַּרְנָסָה נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר בֶּענְטְשְׁן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין דַיין נֵייעֶ בִּיזְנֶעס. נֶעם אַרַיין דֶעם רֶבִּי׳ן פַאר אַ שׁוּתָּף וֶועסְטוּ גָאר שֵׁיין מַצְלִיחַ זַיין; גֶעבּ דַיין מַעֲשֵׂר, דַיינֶע צְדָקוֹת פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, הֶעלְף פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פַאר נָאךְ אִידְן - וֶועסְטוּ שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

...

**נֶעם שֵׁיין אוֹיף דִי גַבָּאִים.**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ג׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם שֵׁיין אוֹיף דִי גַבָּאִים וֶוען זֵיי בֶּעטְן דִיר הִילְף פַאר דִי יְשִׁיבָה; דִי צְוֵויי טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט ... אוּן ... נֵרָם יָאִיר וְיִזְרַח הֶעלְפְן מִיר זֵייעֶר גֶעטְרֵיי צוּ דֶעקְן חוֹדֶשׁ׳לִיךְ דִי רֶענְט פַאר׳ן בִּנְיַן הַיְשִׁיבָה.

אַז מֶען אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען וֶועלְן מִיר קֶענֶען אַסַאךְ אוֹיפְטוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דַיין וַוייבּ וֶועט הֶערְן חִזּוּק וֶועסְטוּ מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפּוּן.**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ״ה טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט וֶועט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף פָּארְקוּמֶען דִי פְּרוֹיעֶן שִׁיעוּר; בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב אַז דַיין וַוייבּ זָאל קֶענֶען קוּמֶען הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי שְׁטוּב ווירְטְשַׁאפְט, חִיזוּק צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט אוֹיפְצִיעֶן דִי קִינְדֶער און חִיזוּק זִי זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַ גוּטֶע וַוייבּ פַאר דִיר.

אַז דוּ וֶועסְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב, דוּ וֶועסְט אִיר מְחַזֵּק זַיין צוּ קוּמֶען - וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...